STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06366

NAYE LIDER

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

נייע לידער

ארויסגעגעבן פון
נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט
מאָנטרעאַל, 1943

Copyright by

N. J. GOTLIB,

Montreal, Canada, 1943

ראַיעז

א

שוין לאַנג האָט די זון ניט געשיינט

שוין לאַנג האָט די זון ניט געשיינט,
א גרויע — די הימלשע מראה;
אַ טריבע, אַ טונקעלע צייט,
מיט נאַכט און מיט חורבן פאַרכמאַרעט.

עס גיסט זיך, ווי וואַסער, דאָס בלוט
פון קינדער, פון מאַמעס, פון זקנים;
און ס׳רוט ניט די אייזערנע רוט
פון בייזן, פון גרויזאַמען שונא.

און דאָ — אַזאַ פרילינג צעגרינט
(ווי תמיד אין ליכטיקע מײַ־טעג). —
ווי קען איך מיין זעל הייסן: זינג?
ווי קען איך מיין ליד זאָגן: צייטיק?

אַז אויג מיינס, עס זעט ניט קיין גליק
אין שטייגן פון גראָזן פון פעטע;
און געל איז און האַרבסטיק דער בליק
פון זאַפטיק צעוויקלטע בלעטער.

אַז אויער מיינס הערט ניט קיין פרייד
אין פייגלשע לופטיקע קולות;
און ס׳ווייעט פון יעטווידן קווייט
מיט ריח פון קבר און פוילונג.

ניט קלאַנגען פון אַקער, וואָס גראָבט
אויף שפּע אין שטיבער און שאַפּעס. —
אַ שוואַרצע, אַ שרעקיקע ראָב
אַ מעסע אויף פעלדער ריכט אָפּעט.

ניט אויפֿבלי (אין לויטערן טוי)
פֿון פֿרישע, פֿון פֿרוכטבארע בייטן. —
עס גייט אויף געראָטן דער טויט
אויף ערדן, מיט באָמבעס פֿארזייטע.

שוין לאנג האָט די זון ניט געהעלט,
דער הימל — אַ וואָלקנדיק־בלינדער. —
ווי קען איך מיין ליד זאָגן: קוועל?
ווי קען איך מיין זעל הייסן זינגען?

פאַרהויבן אין רויקייט ברעמען

פארהויבן אין רויקייט ברעמען
צו שטערן, צו זונליכט, — ווי גוט.
אָ, פים מיינע! כ'טו זיך אָפּט שעמען
מיט יעטווידן שפּאַן, וואָס איר טוט.

עס האָט דאָך אויך מיין קאָפּ געקענט זיין
פאר „שטאָלענע פייגל" א ציל,
און צווישן געביידעם צעברענטע
וואָלט אפשר מיין בלוט שוין געקילט.

א צופאל צוריק האָט מיט יאָרן
געבראַכט איבער ים מיך אַהער.
דאָ שאַלט ניט דער קריגערשער האָרן,
דאָ רירט אונטער טראָט ניט די ערד.

אין זיכערקייט דערפער זיך שפּרייטן
און ווייט פון סכנה — די שטעט,
און ס'האָגלט ניט שונא מיט טויטן
אויף פעלדער, באוואקסן מיט זעט.

עס הערט אָבער סיוווי מיין אויער
אין רוימען אעראָס־געראויש,
פון וואָרנונג־סירענעס דאָס וואָיען,
געשרייען אין פייער, אין רויך.

איך הער זיי, די גרוילִיקע רופן
פון גוססע קינדער נאָך הילף;
איך זע זיי, פון מאמעס די גופים,
אין קבר׳שער שטילקייט געהילט.

זיי גרייכן מיך איבער די ים׳ען,
פאַרפאָלגן אין וואַך־זיין, אין שלאָף. —
אָ, האַרץ מיינס! איך טו זיך אָפּט שעמען
מיט יעדן דיין ווארעמען שלאָג.

סע שטייען ערגעץ דערפער, שטעט . . .

סע שטייען ערגעץ דערפער, שטעט אין רויך, אין פלאמען;
עס ברענען וועלדער; פעלדער בושעווען מיט שלאַכט;
און איבער בלוט פון קינדער־גופים קלאָגן מאַמעס,
און איבער מאַמעס ווייט מיט חורבן און מיט נאַכט.

עס ציען ערגעץ איבער וועגן פליטים־וואָגלער
מיט זעק אין הענט, מיט פעק אויף פלייצעס, יונג און אַלט;
און איבער זיי פון הויך פון בלויער בלייק האָגלט,
און אַלע ווײַלע עמעצער אין לויפן פאַלט.

און דאָ — אין פריד, אין זיכערקייט עס רוען הײמען,
מיט אַלדאָסגוטס פון ווינקל יעדערן עס פליסט;
מיט רויך מיט נויטיקן באַזאָרגט איז יעדער קוימען,
מיט שפייז מיט זעטיקער באַשטעלט איז יעדער טיש.

עס ציען זיך פון שטעט געפלאַסטערטע שאָסייען
און איבער זיי — געזאַנג פון רעדער און מאָטאָר;
און מאַמעס פרייען זיך און קינדערלאך זיך פרייען:
די לוסט פון לעבן פייערן אין בערג מע פאָרט.

און פולגעפאַקט מיט „פלעזשורניקעס" — די האָטעלן,
מיט זון מיט גאָלדיק־הייסער נאַקעט לייב זיך שפּילט;
פאַרברוינטע פנימער ביי קאָרטן־טישלאך קוועלן,
צום טאַקט פון דזשאַז צעהיצטע פּאָרלאך טאַנצן ווילד.

און רונדאַרום די בערג — אין זומערדיקן פלאַטער,
באַקרוינט מיט צאַרטן בלוי, באַצירט מיט פרישן גרין;
און יעדע פאַרם־שטוב, און יעדער הונט קודלאַטער, —
א שפּיל פאַר דופּטיקן, פאַר גלעטנדיקן ווינט.

און איך — איך דריי זיך דאָ אַרום א דול־צעדרייטער
און זע אַלץ פאַרן אויג מיין היים אין פייער־קאָן,
און זע אַלץ פאַרן בליק פאַרפּייניקטע און טויטע,
און ווייס ניט, ווי צו לעבן ווייטער, וואָס צו טאָן.

אין פּיין, אין ביטערניש די שיינע טעג פאַרגייען

אין פּיין, אין ביטערניש די שיינע טעג פאַרגייען,
אין גרויל, אין שרעק די מילדע נעכט, זיי גייען אָפּ;
עס זעט דאָס אויג ניט צאַרטן צוויט, נאָר טויטע שנייען
אויף יעדן בוימישן אויפּסנײַ צעגרינטן קאָפּ.

עס הערט דאָס אויער ניט געזאַנג, נאָר פּייף פון קוילן
און וויי פון ווינט פון ווארעמען, און פייגל־קול;
די לופט, זי שמעקט מיט בלוט און וונד, מיט מת און פוילונג;
די זון, זי פּלייצט מיט קבר־קעלט אויף הויך און טאָל.

וואָס טויגן זאַפטן מייקע, וואָס נוצט דער פרילינג,
אז האַרבסטיק־קראַנק איז די נשמה פון דער וועלט!
אז יעדע רגע ווערן לעבנס ווו פאַרטיליקט!
אז יעדע רגע ווערט א ישוב ווו א תל!

אָ, סיוונדיקע שיינקייט! בלי פון בעז און בלומען!
איר שטעקט מיר, ווי א ביין א שפּיציקער, אין האלז!
כאָטש נעם צעקנאַק דעם קאָפּ זיך אָן א וואנט א שטומער,
כאָטש נעם פאַרוואַרף זיך, ווי א שטיין, אין כף־הקל.

צי האָט זיך ווער פון זיי געראַטעוועט?

צי האָט זיך ווער פון זיי געראַטעוועט?
פון שטעט? פון דערפער? פון ישובים?
אין שטילער נאַכט די שעה די שפּעטע —
זי שווייגט, זי גיט מיר ניט קיין תשובה.

דער קאָפּ זיך שפּאַלט פון שווערן טראַכטן.
די אויגן — פול מיט שוואַרצן חלום. —
וואָס זעסטו, בליק מיינער, אין נאַכט איצט?—
א וויסטע ערד מיט בערג חללים.

אַזויפיל מאַמעס, שוועסטער, ברידער,
אין שטילקייט קבר'שער געהילטע;
צעהאַקטע קעפּ, צעבראָכטע גלידער,
און ריטשקעס בלוט אין קויט פאַרקילטע.

וווּ היים געוועזן איז — טויט און חורבן,
צעפּיצלט גלאָז און ווענט אין פלאַמען,
און שטיקער ציגל אָנגעהורבעט,
און אויסגעפליקטעביימער־שטאַמען.

דער קאָפּ זיך שפּאַלט פון לאַנגן קלערן.
די אויערן — געשפּיצט ביז פּלאַצן. —
וואָס טוסטו, אויער מיינער, הערן?—
אַראָפּ רוישן, באָמבעס פּלאַצן.

און א געטראַמפּל פון חיילות
אויף גאַסן היימשטאָטישע, אַלטע;
פאַרשטיקט געוויין און דין יללה
פון לעצטע לעבנס, וווּ באַהאַלטן.

אַ, זע, מיין בליק און הער, מיין אויער,
וואָס מערער גרויל, וואָס מער יללה,
און זאָל פאַרטרינקען מיך דער טרויער
אין אָט־דער שעה פון וועלט־בהלה.

אַ, ווערט ניט מיד צו זען, צו הערן
וואָס מער געוויין, וואָס מערער חושך — — —
— — — — — — — — — — — — —
אין פענצטער פינטלען גרינע שטערן
און זענען גאָרניט, גאָרניט פּותר.

און דאָ איז אַזוי שטיל . . .

מײַן האַרץ איז אין מזרח
און איך בין אין מערב.
יהודה הלוי

און דאָ איז אַזוי שטיל און פֿרילינגדיק און גרין.
די לופֿט, זי שמעקט מיט בעז, מיט דינעם דופֿט פֿון קווײַטן.
עס וויגט א יונגער קליאָן זײַן בלעטער־קרוין אין ווינט.
עס טוט א פֿרישער טוי אויף אַקער־פֿעלד זיך שפּרייטן.

און דאָ איז אזוי גוט. באַוואַכט מיט זאַטער רו,
עס הויערט אויף זײַן גרונט איעדער שטאָל און כאַטע;
און ס'העלט פֿונהויך מיט זון; און פֿייגל זינגען צו;
און בלויע נאַכט, זי טריפֿט מיט שטערן־זילבער מאַטן.

און דאָרט, אריבער ים (אויף זעלבער גרינער ערד),—
עס טראָגט מיט גריבער־קעלט, עס פּלייצט מיט מתים־פֿוילונג;
און ס'האָגלט פֿונדערהויך מיט באָמבעס אַזוי שווער;
און ס'לעכערן זיך ווענט פֿון סווישטשנדיקע קוילן.

און דאָרט, אריבער ים (אין זעלבער פֿרילינג־צײַט),—
סע שרײַבט „א נײַעם בלאַט" די „הערלאַבע" געשיכטע,
ביים פֿײַער און ביים רויך אויף נאָענט און אויף ווײַט,
ביים דונער פֿון קאַנאָן, ביים רעגן פֿון פֿארניכטונג.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און ס'ליגט דאָ בלויז מײַן גוף — א רוענדיקער לאָם —
אויף מײַלן־מײַלן ווײַט פֿון טויטנדיקן שטורעם —
און ס'פֿלאַטערט אום מײַן האַרץ אָט דאָרט — אריבער ים,
אין הורבנדיקן שטויב, אין בלוטיקע יסורים.

ב

„ווען יידן-בלוט פון מעסער טריפט"

ווי א טיפער טייך, מיט דינעם אייז פארצוינן,
וויגט זיך אונטער מיר די הארטע, פעסטע ערד.
ס'ווערן אפט אין גרויל פארגרעסערט מיינע אויגן:
אט — און לעבן מיינס אין תהום פארזונקען ווערט.

קאלט איז מיר די זון אין מילדע, בלויע הייכן,
שטעכיק — דער באריר פון סאמעטענעם ווינט,
נאדלדיק — דער גלעט פון ביימער-בלעטער ווייכע,
דארנדיק — דאס גראז אין זומערדיקן גרין.

ס'העלט איעדעס פעלד מיט גאלד פון רייפע זאנגען,
ס'דופטעט יעדער סאד מיט צייטיק-זיסער פרוכט, —
הונגעריק און הויל, מיט שטויבן גרוי באהאנגען,
שלעפ איך זיך ארום אן אפדאך און אן רו.

איבער ברייט און לענג פון לענדער רייך צעבליטע
ציען וועגן זיך צו ישוב און צו היים,
נאר איעדע שוועל קודלאטע כלבים היטן
און פון יעדער טיר עס פליט אין מיר א שטיין.

ס'טורעמען זיך שטעט, ווי וועלדער ווי געדיכטע,
אויסגעשמידט פון שטאל, פון אייזן און צעמענט,
און איעדע שטוב, ווי היה-נארע, ריכט זיך
אויף מיין מידן קאפ, אויף מיינע בלייכע הענט.

כ'אײַל גאַס־אײַן, גאַס־אויס אין וואַלדישן געפּלאָנטער —
אַ פֿאַרפֿאָלגטע שאָף צעווישן ווילדע וועלף —
און, ווי ביס אין לײַב, פֿון בעסטיעס פֿון בלאָנדע
דרינגט אין מיר אַ ליד פֿון חורבן און פֿון תּל.

ווי אַ טיפֿער טײַך, מיט דינעם אײַז פֿאַרצויגן,
וויגט זיך אונטער מיר די האַרטע, פֿעסטע ערד.
ס'ווערן אָפּט אין גרויל פֿאַרגרעסערט מײַנע אויגן:
אָט — און לעבן מײַנס אין תּהום פֿאַרזונקען ווערט.

העמדלאַך

העמדלאַך שוואַרצע, העמדלאַך ברוינע,
העמדלאַך זילבערנע און בלויע, —
אונטער אַלע הימלען־רוימען
שוימיקט, סמ׳יקט חיה רעה.

חיה רעה. היטלער, געבעלס,
קאָגלין, מאָזלי, מוסאָליני.
איבער גאָרן ערדן־גלאָבוס
שפּיזיקט דאָרנדיקע שנאה.

שנאה צו מיין טרוים פון יושר
צווישן מענטשן, צווישן ברואים,
שנאה צו מיין וואָרט מיין גרויסן,
צו מיין גלייקער נבואה.

שנאה, שנאה. חיה לויערט
צו צעפּליקן, צו פאַרצוקן;
שאַרפט די ציין, די נעגל; בויערט
מיט צעבושעוועטע בליקן:

— „אָטאָ גייט ער, דער פאַרשפּרייטער
פון מאַרקסיזם און ישעיה,
אָט דער טרוימער אָט דער רויטער
פון אַ וועלט פון רעכט און פרייהייט.

פון אַ וועלט אָן האַרן, שקלאַפן,
פון אַ וועלט פון מי און פרידן,
ווען פון טויטנדיקע וואָפן
וועט מען סערפּ און האַמער שמידן.

לאָמיר לעבן זיינס צעטרעטן,
לאָמיר זיין געביין צעשטערן,
וועלן זען מיר, וואָס עס וועט דאַן
פון זיין טרוים זיין שיינעם ווערן!"

העמדלאַך שוואַרצע, העמדלאַך ברוינע,
העמדלאַך גאָלדענע און גרינע;
ביז די הימלדיקע רוימען
גרייכט די דאָרנדיקע שנאה.

די תפילה פונעם אָרעמען גר

ואהבתם את הגר.
וחי אָחיך עמך.
פון חומש

אויף ווייסטע וועגן וואנדערט מיין געוויין,
אויף קאלטע שטיינער הארבסטיקט מיין געביין,
און ווו איך גיי, און ווו איך קום צוגיין
מיט ווייב און קינדער, —

סע שטייען טירן, טויערן פארמאכט,
ניטאָ פאר מיר קיין ברויט, ניטאָ קיין דאך
און ס'לויערט אויף מיר טויט, און ס'ווארט די נאַכט
אויף ווייב און קינדער.

אזוויפיל לענדער איבער ערד צעשטרעקט,
מיט פעלדער זאפטיקע, מיט זעט באדעקט,
מיט סעדער דופטיקע, מיט פרוכט באשטעקט
פאר מענטשנס קינדער; —

און איך אן אוממענטש בין, א וואָס־אין־קאָרט,
אין קיינעמס לענדער — דאָרטן איז מיין אָרט,
און ס'טרייבן פלינדערער מיך אויך פון דאָרט
מיט ווייב און קינדער.

עס זיצט דער פויגל אויפן צווייג אין נעסט,
עס איז דער זומפּ אַ ווינאָרט פאר די פרעש,
עס האָט דער בער זיין נאָרע און זיין פרעס
מיט ווייב און קינדער; —

און איך — א הפקר'ער, ווי שטויב, ווי ווינט,
א ביין אין פּיסק פון ציינערדיקע הינט,
א פליג אין קלעם פון זויגנדיקער שפּין
מיט ווייב און קינדער.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

אָ, גאָט אין הימלען! אויב דו ביסט פאראַן
און ליב איז.דיר דער גר, דער אָרעמאַן, —
שטרעק אויס אַ האַנט און נעם מיך צו פון דאַן
מיט ווייב און קינדער.

די וואַנט

ביינאַכט. לבנה, ווי א פלעדערמויז פון גאָלד,
שוועבט אום פאַרקלערט אין שטערנדיקן בלוי אין טיפן.
אין רו — די שטאָט. פארשטילט איז יעדער קלאנג און קול.
און שטוב און שטאָל און שטייג אין טייך פון שלאָף זיך שיפן.

און איך — מיר שלאָפט זיך ניט. אַן אומזעבארע האנט
מיך טאַרעט אלץ; מיין זעל מיט אומרו טוט צעברויזן. —
געזען אין צייטונג היינט: מע בויט זי שוין, די וואַנט,
די געטאָ־וואַנט פאר לעבנס פינף און צוואַנציק טויזנט.

אין יענער שטאָט, וואָס איז אמאָל מיין היים געווען,
ווו מאמע, שוועסטער, ברידער שטענדיקן אצינד נאָך.
אָ, טייערע! אויב ניט פארניכטעט נאָך איר זענט,
איז העלפט איר דאָך אודאי אויפשטעלן דעם בנין.

פאר זיך, פאר פריינט, פאר גאָרן יידישן ארום, —
א פרישע גרוילן־טורמע פאר דער אלטער ראסע,
ווו שטיבער דאַרפן ווערן טויב און בלינד און שטום,
ווו הערשן דארף דער טויט אין הויפן און אויף גאסן.

אָט זע איך אייך אין עול פון ציגל און פון ליים,
מיט הונגעריקע פנימער, מיט דאָרשט אין אויגן;
פון געלע אָרעמבענדער וויקלט זיך געוויין,
און שפיצעדיקע פלייצעם טיפער אלץ זיך בויגן.

און ס׳וואַכט דער נוגש איבער אייך מיט רוט און קנוט,
און הויבט די האַנט און פאָכט אויף קעפ, און שלאָגט אויף אקסלען;
און ס׳מישט זיך אוים מיט ליים און ציגל אייער בלוט;
און ס׳טוט די וואנט די בלוטיקע אלץ העכער וואקסן.

אַט שטרעקט זי זיך שוין, ווי אַ טורעם, אינדערהויך,
פארקלאַמערט אין אַ רינג דעם ענגן געטאָ־שטח, —
און טיילט אייך אָפּ פון גאָרער וועלט און פון מיר אויך,
און שיידט אייך אָפּ אויף אונטערגאנג, אָן הילף, אָן רעטונג.

אָ, הארציקע! פארוואָס בין איך איצט ניט מיט אייך,
ביים וואנט־געבוי, אין הונגער, דאָרשט, באַדראָט פון שונא;
אין בלוט און טרערן טרינקען זיך מיט אייך באַגלייך
און אומקומען — אויב לעבן שווער איז — כאָטש אינײנעם ?

איך שעם זיך מיט מיין פריי דאָ, מיט מיין זעט און בעט,
און מערער נאָך — מיט לידל מיינעם, וואָס איך פלעכט אויס. —
צו וואָס? צו ווען? צי העלפן קען, צי רעטן וועט
אַ לידל אייך פון שאנד און שפּאָט, פון שווערד און שעכטהויז?

איך וויים: עס וועט און מוז אמאָל דער טאָג פון דין
צעטרעטן אַלע רוצחים אייערע ווי ווערעם,—
צי ברענגט ער אָבער מיט בארעכטיקונג און זין
פאר אייער ווינד און וויי, פאר אייער בראָך דעם שווערן?

ווו איז ער, יענער אַלערהעכסטער אידעאַל,
ווו איז זי, יענע פאָן, די לויטערסטע פון פענער,
וואָס זאָל אריבערוועגן אייער כּל־הקל,
וואָס זאָל באַיאָען אייער פינצטערן גיהנום?

איך זע מער גאָרניט, גאָרניט, נאכט און חושך בלויז;
און ס'גיסט די נאכט איר קבר־שווארצקייט אויף מיין פּנים;
און ס'פלאַטערט איבער קאָפּ מיינעם — אַ פלעדערמויז
פון טרייסטלאָזן, פון קאלטן גינגאָלד — די לבנה.

ס'איז אַווגוסט

ס'איז אַווגוסט. די פּעלדער — אין גאָלדענעם שיין
פון צייטיקע תבואות, מיט זון דורכגעבאַקן;
אוןביימער אין סעדער — פאַרפולטע מיט ווייַן
פון פרוכטן פון רייפע, מיט פאַרב אין די באַקן.

פון גראָזן אַ זעגן פון גרילן זיך טראָגט
אין לופט אין דער דינער, אין רוימען אין טיפע;
און לויטער — די וויַיטן, און ליכטיק — דער טאָג,
און וואָלקנדלאַך ווייסע אין בלויקייט זיך שיפן.

אַ שטילקייט אַ העלע צעלייגט איז אַרום,
באַרינגלט מיט בערג און מיט טאָלן מיט גרינע;
און פאַרמס — צעוואָרפן אין פרידן, אין רו,
מיט זאַטקייט פון זומער פאַרפלייצט און פאַרבלינעט.

איך שפּאַן איבער וועגן און אויג מיינס באַטראַכט
דאָס גאָלד אויף די פעלדער, די שפע אויף ביימער,
די שאָפּעס געפּאַקטע מיט היי ביזן דאַך,
די שטאָלן די פולע מיט פערד און בהמות.

און ס'קומט מיר אַנטקעגן, פאַרברוינט פון דער זון,
האַלב נאַקעטע ווייבער און קינדער אַ באַפּטע,
מיט שמאַלציקע צורות (פון מילך און פון הון),
מיט פּיסקעס מיט פעטע, מיט גופים צעשטאָפּטע.

ווי זיבער דער טראָט איז, ווי זאַרגלאָז — דער בליק,
געשלאָפן, געגעסן און — באָדן זיך גייט מען.
איך לאָז זיי פאַרבייגיין, דריי אום זיך צוריק,
פאַרהאַלט זיך אַ רגע און — אויג מיינס באַגלייט זיי.

און ס׳קומט אויפֿן זינען אַ גאַר אַנדער בילד,
סע שווימט אָן אין אויגן מיין היימלאַנד מיין ווייטע,
אין פֿייער געוויקלט, אין רויכן געהילט,
צעטראַמפּלט פֿון טאַנקען, צעטראָטן פֿון רייטער.

אין גריבער — די פֿעלדער, און ווו נאָר אַ גרוב —
הרוגים צעפּוילטע און קערפּערס האַלב טויטע;
און קבר׳שע שטילקייט — אַוווּ נאָר אַ שטוב,
ווו קינד האָט געשפּילט זיך, ווו מאַמע — געפּרייט זיך.

און געטאָס זיך שטעלן אוועק פֿאַרן בליק,
געפּאַקטע מיט אומגליק, ווי פֿעסער — מיט הערינג,
פֿאַרצויגן מיט צרות, ווי העלזער — מיט שטריק,
פֿאַרפּלייצטע מיט טייכן פֿון בלוט און פֿון טרערן.

און ס׳וואָגלען אויף גאַסן, אין הונגער, אין לייז,
באַדראָט פֿונעם קוילער, פֿאַרפּאַלגט פֿונעם היצל,
אי מאַמעס, אי קינדער, אי יונגלינג, אי גרייז
און זוכן מיט בליקן פֿון הונגער צעבליצטע.

צי האָט איר געפֿונען צום עסן וואָס היינט,
אין מיסטן אין דאַרע פֿון גרויליקע געטאָס?
און איר, מיינע נאָנטסטע (ווי שניידיק — מיין פּיין), —
צי האָט איר כאָטש ברויט היינט? צי דאַרפֿט איר ניט בעטלען?

ס׳איז אַווגוסט. די פֿעלדער — שוין גרייטע צום שניט.
דיביימער — באַהאַנגען מיט פֿרוכטן מיט זיסע.
איך שפּאַן איבער וועגן, אין זעט און אין פֿריד,
און האַרץ מיינס — עס ווערט מיר אויף שטיקער צעריסן.

„געטאָ“ *)

דעם אָנדענק פון
אברהם מאַניעוויטש.

ארײַנגעבליקט אין בילד אין דײַנעם
און — שוידערן האָט מיך גענומען.
איך האָב דערזען די נאָנטסטע מײַנע
מיט געטאָ־ווענט ארומגענומען.

און ייִדן אנדערע מיליאָנען,
ווי שאָף אין שטײַג, צונויפגעדריקטע;
און ס'איז קיין ציג שוין ניט פאַראַנען,
מיט מילך א גלאָז זיך צו דערקוויקן.

א בית־הקברות יעדע שטאָט איז,
די מענטשן — לעבעדיקע מתים;
א מאָס אַ ריכטיקע צי האָט ווער
צו מעסטן אונזער בראָך דעם גרויסן?

וווּ נעמען מוט צו איבערטראָגן,
וווּ קריגן כוח אויף צו גלויבן,
אַז אָנהויבן עס וועט נאָך טאָגן
אין יענע געטאָדיקע שויבן?

עס רײַסט מײַן הארץ אויף דײַן פארשווינדן,
אָ, נאָנטער פרײַנט און קינסטלער טיפער.
נאָר ס'טרעפן טעג — מקנא בין דיך,
וואָס שוין פארשוואומען איז דײַן שיפל.

איך וואָלט, ווי דו, אוועקגעשוואומען
פון אונזער ערד מיט אירע גרוילן
צו פּוסטער אייביקייט, צו שטומער,
צו הימל'ס בלויסטע, קאַלטסטע הוילן.

---

*) „געטאָ“—אַ בארימט בילד פון א. מאַניעוויטש.

זיי רופן, זיי מאָנען . . .

זיי רופן, זיי מאָנען, די גרויליקע קולות
פון קינדער, פון זקנים אין קאָוונע, אין קיעוו,
צעשטאָכן פון שפּיזן, צעלעכערט פון קוילן,
פאַרברענטע אין פייער, דערשטיקטע אויף תליות.

זיי רופן, זיי מאָנען, די לייבער די ריינע
פון שוועסטער, פון מאַמעס אין ווילנע, אין לעמבערג,
געשענדעט, פאַרפּייניקט פון מערדער געמיינע,
באַשפּיגן, פאַרברודיקט פון ווילדע פאַרלענדער.

זיי רופן, זיי מאָנען, די אברים צעהאַקטע
פון ברידער, פון טאַטעס אין וואַרשע, אין וויטעבסק:
די קופּעס הרוגים, די גריבער געפּאַקטע
מיט גאַנצע געמיינדעס — פון שונא פאַרשניטן.

ווי קען איך, ווי קענסטו, — ווי קענען מיר רוען,
פון טישן געניסן, מיט בעטן זיך זעטן,
ווען מענטשישע חיות, ווען פינצטערע ברואים
דיין ברודער, מיין שוועסטער, ווי ווערעם, צעטרעטן?

ווי מעג איך, ווי מעגסטו, — ווי מעגן מיר שווייגן,
אַן אומגליק אַן גרויסן אַ רגע פאַרגעסן,
ווען טייערע, נאָנטע, ווי שאָף אין די שטייגן, —
אין געטאָס אין ענגע, פון הונגער געפרעסן?

ווי טאָר איך, ווי טאָרסטו, — ווי טאָרן מיר זיצן
מיט הענט מיט פאַרלייגטע, מיט גלייכגילט אין האַרצן,
ווען מינסק און זשיטאָמיר, אדעס און בערדיטשעוו, —
גשהילטע אין טרויער, געשלייערט אין שוואַרצן?

אַ ניט-געשיקטער בריוו

פאר צוואנציק יאָר די זעלבע דירה,
אויף זעלבער גאַס, אין זעלבן הויף.
אַ קאָרידאָר און טרעפּ, וואָס פירן
צום דריטן — העכסטן — שטאָק ארויף.

א קרומע שוועל, א טיר אן אַלטע,
פיר צימערלאך מיט פענצטער — קליין;
מיט ווענט צעבויגענע, אין שפּאלטן, —
מיין אָרעמע, מיין ווייטע היים.

... איז נעם איך — ווי פונלאַנג שוין — ווידער
פּאַפּיר אַ בויגן, פּען און טינט:
— וואָס מאכט איר: מאמע מיינע? ברידער?
וואָס מאכט אַיעדנס הויזגעזינד?

עס ליגט ביי מיר דער שוועסטערס קארטל
פון איינונצוואנציקסטן אפּריל;
ווי תמיד, פול מיט פרומער צארטקייט
איז יעדעס וואָרט, דער גאָרער סטיל:

— מען איז געזונט — איך זאָל ניט זאָרגן.
מע לעבט אדורך זיך ווי עס איז.
מען האָפט צו גאָט, אַז ס'וועט דער מאָרגן
פיל בעסערס ברענגען אויף געווים.

איך לייען עס מיט בליקן באנגע,
מיט הארץ פארבענקטן און איך טראכט:
אָט איז געענוג שוין צייט פארגאנגען
פון יענער גרוילנדיקער נאַכט.

ווען פּלוצים האָבן מענטשן־חיות
באַהאָגלט אייך מיט טויט פונהויך
און איינגעהילט די שטאָט אין פייער,
און איינגעקנוילט די שטאָט אין רויך.

איך בין אין יענער נאַכט געשלאָפן
מיט פריד און זיכערקייט בארוט;
קיין חשד געהאַט, וואָס האָט געטראָפן
מיט אייך — מיין אייגן ביין און בלוט.

נאָר אינדערפרי האָט מיר די בשורה
אַ זעץ־געטאָן איבערן קאָפּ
און אָנגעפילט מיך מיט יסורים,
וואָס לאָזן אויף קיין רגע אָפּ.

וואָס האָט מיט אייך געקענט געשען דאָרט?
צי לעבט איר נאָך? צי זענט איר גאַנץ?
צי האָט ניט אַלעמען פארלענדט אייך
דעם שונא'ס מערדערישע האַנט?

צי זענט איר אויפן אָרט געבליבן?
צי, אפשר, ערגעצוווּ אוועק?
און אויב אוועק — וווהין געטריבן
איר ווערט אצינד מיט זעק, מיט פּעק.

אין הונגער, דאָרשט, אויף ווּיסטע וועגן,
מיט מידע, וואַקלדיקע טריט,
אין בראַנד פון זון, אין נעץ פון רעגן,
מיט בליי באַקנאַלט, מיט שראָט באַשיט?

און ווי די מאַמע קען זיך פילן
אין אזא מצב — אלט און קראַנק?
זי קען זיך נאָך אין וועג פארקילן
און — — אלץ קומט איצט אויפן געדאַנק.

און ווי איז מיט די קינדער קליינע,
אזעלכע ברעקלאַך, ווינד און ווייַ,
זיי מוזן אָפט אודאי וויינען —
צום שווערן וואָגל ניט געוויינט?

און וואָס איז מיט דער שטוב געוואָרן?
מיט יעדער בעט, מיט יעדן טאָפּ?
און וואָס איז מיטן טאַטנס ספרים —
אַ וואנט א גאנצע אָנגעפּראָפּט?

צי איז געבליבן גאנץ דאָס אלעס?
צי ניט מיט שרפה־רויך אַוועק ? —
דער היימישער, דער פרומער דלות,
וואָס האָט מיך אין מיין ווייטן וועג

ארויסבאגלייט צוריק מיט יאָרן
מיט פייכטן, גלעטנדיקן בליק:
— זאָל זיין אַ ליכטיקער דיין פאָרן!
— זאָל זיין דיין רייזע פול מיט גליק!

אָט זע איך זיך פון אייך בארינגלט
אין שטילער היים צום לעצטן מאָל;
באטראכט די שטוב, אַיעדן ווינקל
און הער זיך צו צו יעדנס קול.

מע זעגנט זיך. און טרערן רייסן
פון טיף פון הארצן זיך ארויף;
זיי נעמען האלז און אויגן בייסן
און פינקלען אויף די וויעס אויף:

צי וועל איך ווען עס איז נאך זען אייך,
און אָט־די צימערלאך, די ווענט? — — —
און לעצטער קוש אויף ליפ צעברענט זיך,
און לעצטער דרוק פון ליבע הענט.

און — כ׳בין אוועק. אין וועלט אין פרעמדער.
אוועקגעוואנדערט. איינאליין.
און פון דאן אַז פון שטעט און לענדער
איך שיק, ווי איצט, אלץ בריוו אהיים.

...נו, אָט איז שוין דער בריוו פארפארטיקט
און גרייט איז אויך שוין אַ קאָנווערט.
איך קלעפ אויף דעם ארויף אַ מארקע —
אין בלוי־קאָליר, פינף סענט די ווערט.

וווהין אָבער דעם בריוו איצט שיקן,
אז ווייטע היים — אין שונא׳ס קלעם ? — — — —
איז בלייבט דער בריוו אַ ניט־געשיקטער,
מיט מיר צוזאַמען אינדערפרעמד.

צו איינעם אַן אַריער

ביסט ניט דער איינציקער — ביסט איינער פון מיליאָנען,
וואָס רודפן מיין פאָלק, וואָס פרייען מיט זיין פּיין זיך.
נאָר בלויז צו דיר איך רעד, ווייל נעענטער איך קאָן דיך,
וויילביידע צופעליק מיר נאָנטע שכנים זיינען.

דו זיצט דאָ אויף דיין ערד און איך לעם דיר — אַ וואָגלער.
געקומען בין אַהער אַ קורצע צייט פאַרברענגען.
נאָר זינט איך האָב געהערט דיך רעדן, ווי אַ קאָגלין,
איעדער שפּאַן ארום געוואָרן איז מיר ענג דאָ.

ביסט אָנגעשטאָפּט מיט זעט, ווי שייערן אין אָסיען;
מיט עופות, קי און פערד, מיט גערטענער און פעלדער;
און וועגענער מיט היי פון לאַנקעס דיינע קאָסעסט;
און קלאַפּטער מיט געהילץ דו האַקסט פון דיינע וועלדער.

און ביסט געזונט — אַ שטיין; מיט ווייב און מיט די קינדער.
און רחבותדיק — דיין הויז, און נאָך דו האָסט דאָ הייזער
(פאַר לייט פאַר שטאָטישע — אויף זומער צו פאַרדינגען,
פאַר געסט פאַר גבירישע, וואָס גיבן גוטע פּרייזן).

נאָר קאַרג איז דיר דאָס אַלץ, ביסט אַלץ נאָך ניט צופרידן.
— די יידן זענען רייך — דו צינגלסט אָפּט מיט קנאה.
— די יידן הערשן דאָ. די יידן און די יידן.
און—ס'טריפט דיין בליק מיט גאַל, און ס'פּלייצט דיין אויג מיט שנאה.

דיין אויג, וואָס אַריש בלוי (מיט ברעם מיט נאָרדיש בלאָנדער) —
דו שטעכסט עס מיר אריין מיט גיפטיקער רציחה,
ווען כ'גיי פאַרביי דיין גבול און טראָט מיינער דערמאָנט דיר:
אָט שפּאַנט ארום אַ ייד און פריי אזוי, און זיכער.

איך בין דיר דאָ אַ ביין אין האַלז דיינעם אין פּעטן.
הלואי וואָלסטו געקאָנט — אויף שטויב וואָלסט מיך צעריבן.
דו וואָלסט דיין גראָבן בויך, אַ גליקלאַכער, געגלעט זיך,
ווען ס'וואָלט פון יידן דאָ קיין זכר ניט געבליבן.

איך זע אין דיר מיין גאַנג דורך גלות־יאָרן אַלע,
דורך מיטלאַלטער־נאַכט, דורך שפּאַניעס אינקוויזיציע;
דורך דייטשלאַנדס געטאָ־ווענט, דורך פראַנקרייכס כפּ־הקל'ן;
דורך מעסער און דורך האַק פון גאָנטע און כמעלניצקי.

און קישענעוו איך זע, און גרוילן פון פּעטליורע,
גריגאָריעוו און מאַכנאָ, און פּוילנס ווייסן אָדלער;
עס קאָרטשעט זיך מיין גוף אין בלוטיקע יסורים
ביים ווייסל און ביים ריין, ביים דניעפּער און ביים אָדער.

אין נאָמען פון דיין גאָט — מיין גליל־ברודער וויטן —
געשאָכטן האָסט די זין און טעכטער פון מיין אומה.
איצט שיקסטו אונז אויפסניי אויף תליות און אויף שייטערס —
אין נאָמען פון וואָטאַן, פון נאַצי־צלם קרומען.

עס ברענט פון ראַנד ביז ראַנד מטורפע אייראָפּע.
סע שטראָמען טייכן רויט אויף גאָרן גרינעם גלאָבוס.
נאָר רויטער, גלוטיקער מיין פאָלק אין בלוט גייט אָפּעט,
נאָר טיפער, פינצטערער זיין גרוב עס ווערט געגראָבן.

און דאָרט, וווּ פון מיין שטאַם די לעצטע צאַרטע רעשטלאַך
געשפּונען האָבן שטיל דעם דורותדיקן גלויבן,—
דאָרט האַרבער ברענט דער קריג און שטרענגער זיך פאַרמעסט דאָרט
דער טויט אויף שטאָט און דאָרף אין חורבה'דיקע שטויבן.

מיין היים, מיין פֿרומע היים, אין אָרעמקייט און שטילער!
ס'איז קאַרג דער ביסן ברויט, נאָר רייך איז מען מיט ספֿרים,
מיט מאַמעס שבת־ליכט, מיט ברידער־שוועסטערס תּפֿילה. —
און ס'ציען זיך אַזוי — בטחונדיק — די יאָרן.

האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט דער גרויזאַם־בייזער משחית,
אַ נעם־געטאָן ביים האַלז — אויף וועגן און פֿאַרלענדן, —
און איינגעהילט דאָס לאַנד אין וויסטעניש און חשכות,
און אָנגעפֿילט די ערד מיט פּייניקונג און שענדונג.

עס וויינט אין מיר מיין האַרץ, עס קלאָגן אַלע גלידער:
צי קומט נאָך ווען אַ שעה און — כ'וועל זיי נאָך געפֿינען,
צי אַלץ איז שוין געעקט — פֿון נאָענטע און ליבע
ניטאָ שוין מער קיין סליאַד, ניטאָ שוין מער קיין סימן.

און דו ביסט קאַנטעט דאָ, דו קוועלסט פֿון אונזער אומגליק,
דו פֿרעגלסט זיך פֿאַר פֿרייד פֿון נייעס אין דער צייטונג:
אַ פֿרישער יידן־גזר, אַ נייער יידן־אומקום. —
אָט נאָך און נאָך אַ יאָר — מע ווערט פֿון זיי באַפֿרייט שוין.

און — ס'ווערט מיר ענג לעם דיר, און — כ'איל פֿון דיינע בליקן
אין פֿרייען פֿעלד אַוועק, צו זון און בלוי און גרינקייט.
נאָר ס'וואַרעמט ניט די זון, און פֿעלדער־פֿרייקייט שטיקט מיך,
און ס'הייבט מער ניט דאָס בלוי, און ס'מאַכט דאָס גרין ניט גרינגער.

איך זע פאַר זיך בלויז שוואַרץ, בלויז כאַאָס און געוואַלד־טאַט,
איך זע זיך אין אַ וועלט פון חיות בלויז באַרינגלט;
איך זע זיך פאַר אַ תהום אַ פינצטערן, אַ קאַלטן,
געיאָגט פון ווילדע וועלף — אויף טויטן און פאַרשלינגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר ס'טוט ביים תהום אַ בלענד אַ ליכט אין מיינע אויגן,
איך הער פונוויַיט אַ רוף: הויב אויף דעם קאָפּ, זיי מוטיק!
דיין איכה'דיק געוויין — ער נוצט מער ניט, ער טויג ניט!
מיר צאָלן צאָן פאַר צאָן — עס קאָסט דעם שונא בלוטיק!

דאָס רעדט צו מיר די שטים פון בראַווע רויטאַרמייער,
דאָס קלינגט צו מיר דער קול פון אַריער און פון יידן,
פאַרברידערטע אין שטרייט, פאַרוואַנדעטע אין ווייען
פאַר ווילטאָק פון דער וועלט, פאַר פרייהייט און פאַר פרידן.

אָ, שטאַרק איז זייער קול און שטאַרקער נאָך — דער ווילן
צום זיג אַנטשיידענעם אין זייער האַרץ אין שטאַלצן, —
און ווערן וועסטו, פיינט, ווי בלאַט אין האַרבסט, פאַרטיליקט,
און ווערן וועט דיין שפור, ווי שניי אין זון, צעשמאָלצן.

און ווען פון דיין געביין קיין זכר וועט ניט זיין שוין,
וועט אַלץ מיין פאָלק נאָך זיין — אויף ערד זיין אָרט פאַרנעמען!
ווייל פרידלאַך איז זיין וואָרט און ערלאַך — זיינע מעשים,
ווייל געטלאַך איז זיין גייסט און מעכטיק איז זיין אמת.

ג

מיט ביימער ווו . . .

מיט ביימער ווו איז בעסער ווי מיט מענטשן:
עס טוען ביימער קיינעם ניט קיין שלעכטס;
א בוים אַווו אין פעלד איז דיר א בענטשונג
אין אַסיען־טעג, אין פרילינגדיקע נעכט.

אַט איז אויפסניי שוין פרילינג און די ביימער —
זיי שטייען אָנגעטאָן אין צאַרטן צווייט.
אדיע דיר, שטאָט, מיט דיינע מענטשן־היימען!
איך לויף אין פעלד: זיין גרינע פריי מיך צייט.

איך לויף פון דיר, אַנטלויף, ווי פון א תפיסה,
א קראנק־צעבראָכענער מיט לייב און זעל.
(פון טעג, פון ציין פון היהשע צערים,
פון נעכט, געהילט אין איינזאמקייט, אין קעלט).

מיין היים ביי דיר — א הינטישע קאָנורע,
מיין ביסן ברויט — מיט ביטערניש באַשמירט;
און ווייניק פרייד פאַראַן איז אין יסורים
אויף בעטן אויף שפּיטאָלישע ביי דיר.

איך קען זיי, די שפּיטעלער דיינע גרויע
(מיט פּנימער אין פּיין אויף יעדן קער).
זיי האָבן מיר פאַרטרויט דעם גאַרן טרויער
פון אונזער קורצן זיין דאָ אויף דער ערד.

זיי האָבן מיר אין פיבער־נעכט אין וואַכע
ניט איינמאָל ביז פאַרצווייפלונג שוין געבראַכט.
ווען ניט מיין ליבע פרוי, וואָס זוכט צו מאַכן
דעם טאָג דעם העלסטן פון מיין שוואַרצסטער נאַכט.

די פרוי מיינע, מיט גוטן בליק און שמייכל, —
זי טוט איין זאך: טרייבט אפ פון מיר דעם טויט,
וואס רייסט זיך אלץ, א הונגעריקער, גרייכן
מיין האַרץ, וואס איז נאך ברויזנדיק, נאך רויט.

די פרוי מיינע — אליין, ווי איך, צעבראכן,
עס טרעפט, ביינאַכט, זי וועקט זיך אויף אין שרעק
און לאזט זיך צו דער בעט מיינער א האַרך־טאָן,
צי לעב איך נאך, צי, גאָט באַהיט, „אַוועק".

זי קלאַמערט זיך אָן מיר אין זאָרג, אין ציטער,
ווי איך אָן איר — צוויי הורבה'דיקע ווענט.
ווען ניט די בלויע פרילינגס די צעבליטע,
ווער ווייס, אווו מיר וואלטן שוין געווען.

אין וואַלד

איך בין אויפסניי אין וואַלד, אין פריש־צעגרינטן,
אין ביימערישן קרייז, אויף וואָרצלדיקן גרונט.
דורך צווייג און בלאַט אַ בלויער הימל פינקלט
און שפילט אויף מאָך און גראָז מיט העזאלאך פון זון.

איך בין אויפסניי אין וואַלד און האַרץ מיינס פרייט זיך,
און פול מיט וונדער איז מיין אויפגעפראַלטער בליק.
פון ברונעם וואלדישן, פון טיפן, ברייטן
איך שעפ דעם זאַפטיקן, דעם קוואַלנדיקן גליק.

איך ·פיל דעם וואלד אויף מיינע הענט און פנים,
כ׳באריר מיט ליפן טערפקע קאָרע פון אַ שטאַם;
דאָס בלוט אין אָדערן טוט הייסער שטראָמען
און טרייבט די פיס מיינע זיך לאָזן אין א טאַנץ.

פארוואָס איז עס אזוי, פאַרוואָס ווערט גרינג מיר
אַדאָ, אין חיה׳שער, אין אוראַלט־ווילדער היים,—
צי ווייל סע שרייען נאָך מיין מויל און פינגער
מיט נעגל שפּיזיקע, מיט מעסערדיקע ציין?

און, אפשר, ווייל דער אמת איז אין וואלד דאָ,
און ניט אין רוישיקער, אין שטיינין־האַרטער שטאָט,
און פון די מענטשן מיט די רייד די פאַלשע
איז ליבער מיר דער שווייגנדיקער וועלדער־גאָט?

איך בין אויפסניי אין וואַלד, מיט וואָרצלען, צווייגן,
מיט בלעטער דופטיקע, מיט גראָזן — גרין־געדיכט;
און פאָרכטיק־שטיל — ארום און אינעם שווייגן —
אַ, גרויסער פאַן, נאָר איך און דו, נאָר דו און איך!

ווי פֿאַס איך זיך

ווי פּאַס איך זיך צו אַט־דער וועלט דער שטייניק־האַרטער?
צו אַט־דער וועלפּישער, דער ציינערדיקער וואָר?
אַז האַרץ מיינס ציטערט צאַרט און סטרוניק, ווי אַ האַרפֿע,
אַז פֿול געבעט, ווי „מע" פֿון שעפֿסן, איז מיין וואָרט.

ווי פּאַס איך זיך צו אַט־די טעג די טונקל־גרויע?
צו אַט־דער פֿינצטערער, דער נאַכטיש־בלינדער צייט?
אַז קאָפּ מיין רייסט זיך צו די הימלדיקע בלויען,
אַז בליק מיין ציט זיך צו דער שטערנדיקער ווייט.

ווי פּאַס איך זיך צו אַט־דעם דור פֿון ווילדע קריגער?
צו אַט־די לאָזונגען פֿון בליי און דינאַמיט?
אַז ס'וויינט נאָך אַלץ אין מיר מיין טאַטנס תהילים־ניגון
אַז ס'זינגט נאָך אַלץ אין מיר מיין מאַמעס וויגל־ליד.

איך וועל מיין לעבן שוין ניט איבערמאכן

איך וועל מיין לעבן שוין ניט איבערמאכן,
איך וועל ניט אויסגלייכן מיין קרומע זעל;
איך וועל אויף זייטיקע, אויף שטילע שליאַכן
אליין אַדורכשלייכן מיין שטיקל וועלט.

עס ווייט אַ וואַרעמקייט אזא פון הייזער,
עס זאָגן טירן צו אי זעט, אי רו;
און איינגעשלאָסענער איך גיי פארביי זיי,
געטריי דער לויטערקייט פון מיין באַרוף.

עס רוישן שטעט מיט יאָגנדיקע גאסן,
עס טראָגט מיט האַוועניש פון יעדן אָרט;
איך גיי ארום, א טרוימער־יונג, געלאַסן,
איך גיי ארום אין חלום אויף דער וואָר.

עס זאָגן מענטשן מיר: „דו נעם א ווייב זיך,
בוי אויף אַ נעסט און קום ווען צו א ציל!"
וואָס זאָל איך ענטפערן? אז ס'ציט צו ווייטן!
אז ס'ציט צום ווינטישן פארשייטן שפּיל!

וואָס זאָל איך טאָן, אז גוט איז מיר אין ציילן
די רענדלאך־שטערנדלאך אויף הימלבלוי,
און ס'איז מיין בעסטער עולם הזה־חלק
א ליריש ליד אין גראמען, פריש ווי טוי.

איך וועל מיין לעבן שוין ניט איבערמאכן,
איך וועל ניט אויסגלייכן מיין קרומע זעל;
איך וועל אויף זייטיקע, אויף שטילע שליאַכן
אליין אדורכשלייכן מיין שטיקל וועלט.

איינער אין קאָרטן א טרייסט זיך געפינט

איינער אין קאָרטן א טרייסט זיך געפינט,
א צווייטער — אין ביטערן טראָפּן.
מיך האָט אין נעץ אין איר דינעם פאַרשפּינט
די תאווה צו ריטמישע סטראָפן.

איך האָב מיין לעבן געשטעלט אויף דער קאָרט
פון לידער און שליאַכן און וואָגל.
שלעפּ איך זיך אומעט, מיט דיכטערשן דאָרשט
פאַרזויגן אין לידערשן לאָגל.

האָב איך קיין היים ניט, קיין ווייב און קיין קינד,
האָב איך קיין בעט און קיין דאך ניט,—
איז מיר א ברודער דער פעלדישער ווינט,
א שוועסטער — די הימלישע רחבות.

שלעפּ איך זיך אומעט מיט דיכטערשן עול,
שפּיל אויף מיין לידערשער לירע,—
צאָלן מיר וואָלקנס מיט זילבער און גאָלד,
שענקט מיר די זון איר עשירות.

נויגט זיך דער טאָג צו דעם מערבשן ברעג,
פול, ווי א מילגרוים, מיט לידער.
טונקלט און נאַכטיקט. אינמיטן א וועג
פאַל איך אנידער א מידער.

בליט אויף לבנה אין הימלשער מיט,
פינקלען אויף שטערן מיליאָנען —
ליג איך צעוואַלגערט און זינג מיר א ליד
פאר שטערן און פאר דער לבנה:

— איינער אין קאָרטן אַ טרייסט זיך געפינט,
א צווייטער — אין ביטערן טראָפּן.
מיך האָט אין נעץ אין איר דינעם פארשפינט
די תאוה צו ריטמישע סטראָפן.

מײַן לאַנד מײַן דיכטערשע

ווער רען דיכטער וויל פערשטעהען,
מוס אין דיכטערס לאַנדע געהען.
געטע.

מײַן לאַנד מײַן דיכטערשע — דער ברייטער שליאַך,
וואָס וויקלט זיך דורך פרילינגדיקע פליינען,
די העלע ווייט, דאָס בלויע הימל־דאַך,
דאָס פײגל־ליד אויף ביימערישע קרוינען.

מײַן לאַנד מײַן דיכטערשע — די זומער־זון,
וואָס וויגט איר גאָלד אויף גרינע הענט פון גראָזן,
אַ טראָפּן טוי אין בעכער פון א בלום,
א קוועלכל ווו, וואָס מורמלט בחיפזון.

מײַן לאַנד מײַן דיכטערשע — די חלום־שעה,
ווען טאָג פארגייט אין ראָזע שקיעה־רויכן,
דער סוד פון נאכט, אַ שטילער שטערן־שאָס
פון זילבערנע, לבנהדיקע הייכן.

מײַן לאַנד מײַן דיכטערשע — א גלעט פון ווינט,
א וועלן־שפּיל, א פלאַטער־פלי פון טויבן,
א פרוי׳ס א בליק, א שמייכל פון א קינד,
א סליאַד פון טריט אין פרישע שנייען־שטויבן.

מיך לאָקט נאָך אַלץ די שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכטן

יוסף ראָלניקן

מיך לאָקט נאָך אַלץ די שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכטן
אויף זייטיקע, אויף שווייגנדיקע וועגן;
און אַלטער קליאָן, א תּפֿילה׳דיק פֿאַרטראַכטער
אין ראָזן שיין פֿון מערבֿ׳דיקע ברעגן.

מיך לאָקט נאָך אַלץ די הימל־טיף די בלויע
אויף דאָרפֿישע, אויף נידעריקע שטיבער;
א וואָלקנדל — א שעפּסעלע א גרויינקס —
פֿון פּאַסטוך־ווינט פֿון פֿעלדישן געטריבן.

מיך לאָקט נאָך אַלץ דאָס טרעלן פֿון א פֿויגל
אין וואַלדישע, אין טוייקע פֿאַרטאָגן;
די קלאַנגלאָזע מוזיק פֿון רעגנבויגן,
אויף גרינע בערג, פֿון רעגן דורכגעצוואָגן.

מיך לאָקט נאָך אַלץ ליד דאָס גאָלדיק העלע
פֿון קלאַסישע, לאַנגאָניקע פּאָעטן:
די סטראָפֿן, ווי די פֿרילינג־זאַפּטן קוועלן,
די ווערטער, ווי די זומער־ווינטלאַך גלעטן.

פאראַן נאָך פרייד, פאראַן

פאראַן נאָך פרייד, פאראַן, — אין פארבנשפּיל פון הימל,
ווען ס'גייט אַראָפּ די זון צום מערב־ראַנד צום ראָז;
און מאָלט אין מידן גערל איעדן זאנג און בלימל,
און צירט אין שטרענגן רויט די ביימער מיט די גראָז.

פאראַן נאָך טרייסט, פאראַן, — אין שטילקייט פון פארנאַכטן,
וואָס שוועבט פון ערגעץ אָן אויף סאַמעטענע פליגל
און שלייערט איין אין שלאָף די טוי־באַפּייכטע שליאַכן,
און הילט אין חלום איין איעדן טאָל און היגל.

פאראַן נאָך גליק, פאראַן, — אין בלאָנקען איבער וועגן
אין שעה'ן דופּטיקע פון אָוונטן באַרוטע
און צוקוקן, ווי ס'ווערט די בלויע טיף באַרעגנט
מיט פינקלדיקן גאָלד פון שטערנדלאַך פון גוטע.

פֿאַרנאַכטן יולישע אויף שטילע וועגן

פֿאַרנאַכטן יולישע אויף שטילע וועגן.
פֿון ביימער בלויע שאָטנס ציען זיך פֿאַרקלערט.
אין ווינט אין לינדן בלעטער זיך באַוועגן.
אין טוי אין קילן וויקלט זיך די זאַטע ערד.

פֿאַרנאַכטן יולישע אויף שטילע וועגן.
די זון, אַ ראָזלאַכע, אויף שוועל פֿון מערב קניט.
דער אָוונט שווימט שוין פֿון די מזרח־ברעגן.
די לופֿט איז פֿול מיט חלומדיקן פֿייגל־ליד.

פֿאַרנאַכטן יולישע אויף שטילע וועגן.
עס מורמלט ערגעץ מיד אַ קוועלכל אין אַ טאָל.
די גרילן אין די גראָזן שאַרפֿער זעגן.
עס רויטלט זיך אויף שפּיצן בערג דאָס שקיעה־גאָלד.

פֿאַרנאַכטן יולישע אויף שטילע וועגן.
פֿון פֿריש געשניטן היי אַ דופֿט אַ דינער פֿלייצט.
עס פֿאָרן פֿון די פֿעלדער פֿולע וועגן
מיט קאָרן צייטיקן, מיט אויסגעריפּטן ווייץ.

נאַכט אויף שליאַך

נאכט אויף שליאך, באוואכט פון גרינע קליאַנען.
ווינטל גלעטנדיקער, דופטנדיקע רו.
ליכטיס לייכט דער לאָמפּ פון דער לבנה
אונטער בלויען הימלדיקן אבאזשור.

שטיל־פאר׳חלומ׳ט זילבערן זיך ביימער,
שטערן אויף די צווייגן וויגן זיך פארקלערט.
פון א מחנה ריזן־בערג באַ׳שומר׳ט,
שלאָפט, געהילט אין טוי, די אויפגעגראָזטע ערד.

שלאָף און רו אויף ביימער־קעפּ, אויף דעכער,
שלאָף און שווייגן פונעם הימל ביז דער ערד.
נאָר א ווייטער, סודותדיקער עכאָ
פון די הילכעדיקע טריט מיינע זיך הערט.

ס׳האָט דער שליאך דער נאַכטישער פארלאָקט מיך,
ס׳האָט פאר׳כשופ׳ט מיך לבנה׳דיקע ווייט.
שפּאַן איך, א באגלייטער פון מיין שאָטן, —
(לאנג, געשפּענסטיש אויסגעצויגן ביי דער זייט).

שפּאן איך, מיט לבנה־ליכט באהאנגען,
שנייד אלץ טיפער זיך אין הארץ פון נאכט אריין,
שפּיץ דעם אויער אָן צו דינסטע קלאנגען,
טריפנדיקע פון לבנה׳דיקן שיין . . .

ס׳איז מיין זעל א פידל איצט א בלויע,
סטרונעס אירע ברומען ליידנשאפטלעך־דין. —
מיט זיין סאַמעט־בויגן, פריש צעטוייקט,
שפּילט אויף זיי א ליד דער פרילינגדיקערווינט.

ס'איז היינט אַ טאָג אַ סיוונדיק צעבליטער

ס'איז היינט אַ טאָג אַ סיוונדיק צעבליטער,
ס'איז היינט אַ טאָג פון ליכטיקייט און זון.
עס האָט זיך היינט אין האַרץ ביי מיר צעציטערט
און אַלטער טאָן — צעבלויט אַזוי און יונג.

עס האָט זיך היינט אין זעל ביי מיר צעשמייכלט
אַ מילדע ליד — אַ מייַיק־צאַרטער פריינט;
אַ ליד פון ערד אין פרילינגדיקע ריחות,
אַ ליד פון רוים אין פרילינגדיקן שיין.

כ'האָב לאַנגשוין אַזוי פריידיק ניט געגריסט זיך
(דורך זילב און קלאַנג, ווי אויסגעלייטערט גאָלד)
מיט גראָז און בוים, מיט קלאָרן טוי באַפרישטע,
מיט קוואַל און טייך, ווי פליסיקער קריסטאַל.

כ'האָב לאַנגשוין אַזוי פריידיק ניט צערעדט זיך
מיט דופטיקן, מיט גלעטנדיקן ווינט. —
ס'איז היינט מיין גוף צעצוויטעט און צעבלעטערט,
ס'איז היינט מיין קאָפּ צעקנאָספּיקט און צעגרינט.

איך גיי אַרום באַשמעקט מיט בעז און בלומען,
מיט בלוי אין בליק, מיט זוניקייט אין שפּאַן,
און ס'זינגט צו מיר איעדער שטיינדל שטומער,
און ס'ווינקט צו מיר איעדע בלינדע וואַנט.

זאָג ניט, מענטש, דו . . .

זאָג ניט, מענטש, דו: גוט איז דאָרטן, וווּ איך בין ניטאָ.—
ס'איז דיר בעסער, מערמאָל בעסער דאָ ווי דאָרטן.
סאַראַ בלויקייט, סאַראַ גרינקייט, סאַראַ העלער טאָג,
סאַראַ ברייטע, סאַראַ ווייטע האָריזאָנטן.

רונדאַרום — נאָר בערג צעשטרעקטע, וווּ אַ קער נאָר — בערג.
האָסט דאָך ליב זיי, אָט־די בערג די ווונדערשיינע.
האָסט דאָך האָלד זי, אָט־די ליבע, אָט־די גוטע ערד,
אָט־די גרעזלאָך, אָט־די בלימלאָך אָט־די קליינע.

שווייג־זשע איצטער, רייד ניט גאָרניט, זאָרג ניט און ניט טראַכט,
וואָס געווען איז, וואָס דאַרף קומען, — ניט דיין דאגה.
סאַראַ פרישקייט, סאַראַ ליכטקייט, סאַראַ ווייכער שליאַך,
סאַראַ זינגען פון די פייגל אויף די צווייגן.

הער: אַ ווינטל אַ צעשטיפטער אין די ביימער קלינגט.
זע: עס יאָגט זיך איבער פעלד אַ גרויער העזל.
קוק: אַ טוי — אַ צויבער־פּערל — פאַרביק־שטראַליק ווינקט.
וואַרט: עס טוליעט זיך אַ גרעזל צו אַ גרעזל.

וואַרט אַ ווײַלע. רו דאָ אָפּעט. רוען דאָ — כדאַי.
האָסט נאָכוועמען, האָסט נאָכוואָס ניט זיך צו אײַלן.
קוק: אַ וועלט אַ גאַנצע שפּרייט זיך אַלט אַזוי און — ניי
אויף די הענט פון אויפגעזונטע בלאַנקע מײַלן.

דאָ, אין זוניק אויפגעשיינטן האָריזאָנטן־רינג,—
דאָ דיין וועלט איז סיי פון וואָר און סיי פון חלום.
סאַרא הייכן, סאַרא נידער, סאַרא בלוי און גרין,
סאַרא קלאָרקייט, סאַרא שטילקייט, סאַרא שלום.

מיין בליק

מיין בליק — א וועווריקל אויף בליענדיקן בוים,
מיין אויג — א פייגאלע אין העלנדיקע הייכן;
מיר ווילט זיך היינט אַ הויב־טאָן זיך אין לופט, אין רוים;
מיר ווילט זיך היינט די זון די גאָלדענע דערגרייכן.

מיין זעל — א ווינטאלע אויף גרינענדיקע בערג,
מיין הארץ — א וואָלקנדל אין אויסגעבלויטע טיפן;
מיר ווילט זיך היינט א ריס־טאָן זיך פון גרונט, פון ערד,
מיר ווילט זיך היינט אין ים אין הימלשן זיך שיפן.

כ׳דערקען דיך ניט, דו, קונדסל, דו, קינד פארשייט;
וואָס טרוימט זיך דיר, דו, שטיפערל, דו, שגעץ־יינגל?

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ווילט זיך היינט זיך אויסקייטלען פון אָרט, פון צייט,
מיר ווילט זיך היינט צעטויען זיך אין עטער גרינגן.

אָפּטמאָל

אָפּטמאָל איז פאַר מיר גענוג אַן אײנזל הימלבלוי
אין אַ ים פון גרויע, כוואַליעדיקע וואָלקנס,
אַז מײַן וואָרט זאָל זיך צעפינקלען, ווי אין זון אַ טוי,
אַז מײַן ליד זאָל זיך צעקלאָרן און צעגאָלדן.

אָפּטמאָל איז פאַר מיר גענוג אַ מענטשנס מילדער בליק
אין געררויש פון ענגע, יאָגנדיקע גאַסן,
אַז מײַן זעל זאָל זיך צעבליען מיט דער בלום פון גליק,
אַז מײַן האַרץ זאָל זיך צעשטיפן און צעשפּאַסן.

אָפּטמאָל איז פאַר מיר גענוג פון לייוונט אַ געצעלט,
ברויט און וואַסער און אַ בעט פון האַרטע ברעטער,
אַז מײַן וועלט זאָל זיך צעשמייכלען פרילינגדיק און העל,
אַז מײַן לעבן זאָל מיר ווערן גרינג, ווי עטער.

צו . . .

אָט ליגסטו דאָ, א נאָענטע אזא,
אין שטילער שעה פון לויטערן באגינען.
איך האָב אָקאָרשט פון שלאָף זיך אויפגעכאפּט
און לעבן זיך דיך שלאָפנדיק געפונען.

אָט ליגסטו דאָ, א נאָנטע, ביי מיין זייט,
און דאָך — אזא דערווייטערטע, ניט־היגע;
און דיין געזיכט, דאָס שטיפעריש־פארשייטס,
אויף אויגישע צוויי זיגלען איז פארזיגלט.

אריינדרינגען איך וויל אין דיין ניט־הי,
דערזעען דיך אין וועלט פון שלאָף און — קען ניט . . .
נאָר פּלוצים, אין באטראכטונג, איך דערשפּיר:
אזא, ווי איצט, — דו ביסט נאָך רייציק־שענער.

ווי וואונדערלאך צע'חנ'ט עס איז אצינד
איעדעם גליד פון גוף דיינעם דעם יונגן:
די ליפּן — מילד צעשפּילט, ווי ביי א קינד,
און מאַמעדיק — די צאַרטע בריסט די רונדע.

דער האַלז, די הענט, — ווי ציכטיק־קלאָרער שניי,
די קני, די פיס, — ווי צוויט ווי זאפטיק־העלער,
(א דינע לוסט אזא עס וויינט פון זיי,
עס טוט פון זיי א רעגונג אזא קוועלן).

און שיינסט איינגאנצן פונעם העמד ארויס,
ווי זריחה־זון פון מזרח־זוים פון ראַזן;
און מיט דיין שיין פארפולט עס ווערט דאָס הויז,
און מיט דיין בלענד אויך איך ווער אָנגעגאָסן.

אין צייטיקייט פון האַרבסט

א

אַט איז ער, דער אָסיען, דער בלוטיק־געקרייצטער
אויף שליאַכן, אויף פעלדער, אויף בערגישע הויכן,
מיט וונדן מיט רויטע, וואָס טריפן, וואָס פלייצן
פון ביימערשע לייבער, פון גראָזישע הויטן.

דער אָסיען, דער גוסס, מיט בליקן מיט טריבע,
צעהאַנגען, פאַרפּייניקט אין טאָג־ליכט אין בלאַסן;
מיט בליישריפט פון וואָלקנס — די הימלען פאַרשריבן,
מיט זונכתב פון בלעטער — די ערדן פאַר׳חתמ׳עט.

דער אָסיען, מיין חבר אויף איינזאַמע וועגן,
מיין גוטער באַגלייטער, מיין פירער געטרייער;
איך שפּאַן היינט א מידער אין בלעטערשן רעגן,
אין רעגן געדיכטן פון גאָלד און פון פייער.

ב

ווי אַ רעגנבויגן האָט דער אָסיען זיך צעפּלאַקערט
איבער היגלען אויפגעשטראַלטע, איבער העלע טאָלן;
ס'זיינען וועגן, פעלדער, וועלדער גאָלדיק דורכגעאַקערט,
ס'איז איעדער גראָז און בלאַט מיט האָניק דורכגעקוואָלן.

ס'בליען טעג אַזעלכע ברייטע, לויטערע און הייכע,
ס'בלענדט אויף בלויען הימל־טאַץ די זון — אַ בלאַנקער בעכער;
ס'איז די לופט אַדורכגעווירצט מיט וויניק־האַרבע ריחות
און דער ווייַן, ער גיסט זיך איבערביימער, איבער דעכער.

אָסיען, אָסיען, שטראַלנדיקער רעגנבויגן מיינער,
ס'איז דיין האַרבער ווייַן מיר זיס און ס'איז דיין האָניק זיס מיר;
איך בין דיינער, אָסיען גוטער, איך בין תמיד דיינער
און פון דיר מיט גאָלד און טרויער מיינע לידער פליסן.

ג

הימלען — מיט זונליכט מיט בלאסן באגאסן,
ערדן — מיט בלעטער מיט געלע באדעקט. —
נעמט מיך, א, װעגן, אויף מיטה פון אסיען,
טראגט מיך צו גאלדענער קבורה אװעק!

ס׳נידערט דער טאג שוין צו מערב׳שע ראנדן,
ס׳פליצט שוין די שקיעה מיט שטראמען פון בלוט;
בערגשפיצן גרויע — מיט גסיסה באהאנגען,
טונקעלע טאלן — מיט פטירה בארוט.

קראנקע בעריאזעס מיט קרוינען פארבליטע,
שטארבנדע קליאנען מיט נאקעטע קעפ. —
נעמט מיך, א, װעגן, אויף הארבסטיקער מיטה,
פירט מיך צו גאלדענער קבורה אװעק!

ד

איך בין ווידער אויפן שווייגנדיקן שליאַך,
איינאַליין צעווישן אַסיענדיקע פּליינען.
ס'איז אַ שטילער, ס'איז אַ לויטערער פּאַרנאַכט.
גאָלד פון זון — אויף געלן גראָז, אויף גרויע שטיינער.

ס'איז די שעה איצט פון חלומות און פון ליד.
ס'איז די שעה, וואָס איז פונלאַנג מיר היילִיק־טייער.
איינאַליין אינמיטן שליאַך איך שטיי און בליק
צום צעקוועלטן, צום צעשפּילטן שקיעה־פייער.

ס'ליגט די זון שוין אויפן מערב'דיקן זוים
אַ צעפלאַמטע, אַ צעוואַקסענע, אַ ראָזע,
גיסט איר בלוט אויף טאָל און פעלד, אויף באַרג און בוים,
טריפט איר רויט אויף גרויען שטיין, אויף געלע גראָזן.

גאָס נאָך גאָס און טריף נאָך טריף, און — לעצטער טריף,
ס'טוט זיך אָפּ פון בלויען טאָג דער ראָזער וווּנדער.
ס'נעמט שוין טונקלען, און אין הימלדיקער טיף
ערשטער שטערן גרין און טווייק ווערט צעצונדן.

פונעם מזרח שווימט שוין אָן די שוואַרצע נאַכט,
הילט אין קרעפּ איין געלע גראָזן, גרויע שטיינער.
איך בין ווידער אויפן שווייגנדיקן שליאַך,
איינאַליין צעווישן אַסיענדיקע פּליינען.

ה

די לעצטע טעג פון האַרבסט אין רויט און ראָז דערברענען.
די לעצטע שפּינוועבסן אין רוים אין בלויען בלאַנקען.
מע קען שוין אויף דער ערד דער נאַקעטער דערקענען
די ערשטע שפּורן פונעם ווינטערס ווייסן אָנקום.

די לעצטע פייגל האָבן שוין אוועקגעפליגלט
אין ווייטע, זומערדיקע, זוניק־העלע קאַנטן;
און שטיל איז איצט אין וואַלד, און אומעטיק זיך וויגן
די לעצטע געלע בלעטער אויף די ביימער קראַנקע.

און ווי אַ קראַנקער פויגל פלאַטערסטו פאַרלאָזן,
נשמה מיינע, איינאַליין אין וואַלד אין הוילן,
צעווישן טויטע בלעטער, גוססדיקע גראָזן, —
אַ צילברעט פאַרן ווינטערס ערשטע ווייסע קוילן.

ו

כי החיים יודעים שימתו.
ראה חיים עם אשה.

פון קהלת

ס'נאָגט מיך היינט א גאַנצן טאָג א געלער טרויער,
גאָלד פון אָסיען אין די אויגן מידער שפּילט.
ווי פארשמאכטע, מידע בינען אין מיין אויער
זשומען ווערטער פון קהלת — האַרבסטיק־קיל.

מידע ווערטער, ווי דער שאָרך פון לעצטע בלעטער
אין אַ שטילן תשרי־טאָג אזא, ווי היינט,
ווען דער ווינט אין פעלד אין הוילן קאַלטער גלעט שוין,
און די זון אין בלוי אין בלייכן בלאסער שיינט.

ליבע מיינע! מיידל־פרוי, מיט ליב מיט דינעם!
ס'נאָגט מיך היינט דער געלער וואָרעם פון פארגיין.
נעם פארוויג מיך, שלעפער איין מיין האַרץ און זינען
מיט דיין יונגן, מיט דיין צאַרטן פלייש און ביין.

ז

אַט דער פרימאָרגן אָסיענדיק צעבליטער,
ווי גרינג, ווי צאַרט ער לייגט זיך היינט אויף מיין געמיט!
א ווינט א גלעטנדיקער אונטער טריט מיר
די לעצטע געלע בלעטער פון דיביימער שיט.

איך גיי צעווישן בערג פארנעפּלט־בלויע,
געהילט אין קרענקלאַכער, אין אויסגעבלייכטער זון.
די לופט איז קיל און דופּטנדיק, און טוייק,
און שטיל אזוי און חלומדיק איז רונדאַרום.

איך גיי צעווישן בערג די אַלט באַקאַנטע,
די אוראַלטע, די פּאַרכטיק שווייגנדיקע בערג.
זיי זיינען איצט מיר נאָענט, ווי מיין האַנטפלאַך,
ווי אונטער מיינע פּיס די אָפּגעגרינטע ערד.

די גוטע ערד, אין וועמענס שויס אין ווייכן
דאָס מידע האַרץ אין טריבער שעה א טרייסט געפינט.
זי שפּרייט זיך איצט פאַר מיר אין מילדן שמייכל,
מיט דינעם גאָלד, מיט איידעלן באַוועבט־באַשפּינט.

און ס׳רוט אויף דעם מיין בליק אין שטילן אומעט,
אין שטילער איבערבעטונג מיט דער גאָרער וועלט.
און ס׳איז מיר ווויל . . . און פון פארגיין דער קומער
גייט אויף אין מידן האַרץ צעזוניקט און צעהעלט.

ה

עס רעדט צו מיר דער האַרבסט מיט ווערטער צאַרטע:
באַרויק זיך, מיין פריינט, מיין טרויעריקער פריינט:
עס וועט שוין לאַנג ניט אויסקומען צו וואַרטן:
עס איז דער ווינטער מיט זיין ווייסקייט שוין ניט ווייט.

עס רעדט צו מיר דער האַרבסט מיט ווערטער ווייכע:
דער פרילינג איז אַ שמעטערלינג מיט פוסטן חן,
דער זומער שנעל פאַרשווונדן ווערט — אַ רויכל,
נאָר איך די וואָר די ריינע בין, נאָר איך אַליין.

עס רעדט צו מיר דער האַרבסט מיט ווערטער האַרבע:
דו מוזט פאַרגיין, ווי שווער עס זאָל ניט זיין, ווי שווער;
עס איז פונלאַנג באַשטימט דיר שוין צו שטאַרבן:
„ווייל ערד ביסטו און וועסט צוריק־קערן צו ערד".

אין שפּיטאָל

צו דרייסיק יאָר שוין אָפּגעבלידלט, אָפּגעשפּילט.
עס ליגט מיין קאָפּ א וועלקנדיקער אויפן קישן.
עס בליקט אריין אין שויב א פרילינגדיקער ווינט
און ווינקט צו מיר, און שעפּטשעט וואָס, א טוייק־פּרישער.

אָ, ווינט, מיין פריינט פון יונגע טעג, מיט זון באקרוינט!
ניט ווינק צו מיר, ניט שעפּטשע מער, ניט רוף אין פעלד מער.
עס איז אוועק אויף שטענדיק שוין, אויף אייביק שוין
די גוטע צייט, די פרילינגשע, די זון־צעהעלטע.

עס איז אוועק אויף אייביק שוין די וונדערצייט,
ווען ס'האָט מיין ליד פארשייט אזוי געשאַלט, געקלונגען,
ווען ס'האָט מיין פוס זיך גרינג געיאָגט צו ווייטסטער ווייט,
ווען ס'האָט מיין אויג איעדן וועג געזופּט, געשלונגען.

ס'איז נאַכט אַראָפּ אין מיט אין בלויער פון מיין גאנג,
מיט שווערן בליי די גלידער מיינע אָנגעגאָסן, —
און אויסגעלערט האָט זיך מיין גוף — אין האַרבסט א זאנג,
און אָפּגעבליט עס האָט מיין קאָפּ — א בוים אין אָסיען.

ס'איז פרילינג איצט. א מילדע זון אין הימל שיינט.
די ערד זיך שפּרייט, א דופטיקע, אין גרינעם סאַמעט.
און איך — איך ליג דאָ אין שפּיטאָל, אין קלעם פון פּיין,
און איך — איך ליג אויף ווייסער בעט אין ווי פארקלאמערט.

עס איז מיין בעט מיין ווייסע איצט אַן עשאַפאָט.
איך שפיר: עס טריפט מיין לעבן אויס די לעצטע טראָפּנס.
און כ׳זע אים שוין, אוז דייטלאַך הער זיין שטילן טראָט:
אָט קומט ער צו, אָט שטעלט ער זיך ביי מיר צוקאָפּנס.

ער שטייט. ער וואַרט געדולדיק אָפּ דעם לעצטן שפּיל
פון יונגן טאָג אין מיינע אָפּגעבליטע בליקן — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

עס בליקט אריין אין שויב א פרילינגדיקער ווינט
און ווינקט צו מיר, און שעפּטשעט וואָס, מיט טוי אויף ליפּן.

אין די בערג

זיי שטייען נאָך, די בערג (ווי פאַראַיאָרן),
מיט ריזן־קעפּ אין הויכקייטן צעשיקט.
אין בלויען פרי איך קום אהער צופאָרן.
אָט הויבט זיך שוין, אָט קלעטערט שוין מיין בליק

אויף רוקנס בערג אויף פעלזיקע און גרינע,
אויף שפּיצן בערג אין נעפּלדיקן רויך.
איך נישטער, זוך, נאָר קען מער ניט געפינען
מיין פרילינג דאָ אין נידער, אינדערהויך.

אָ, קאָפּ מיינער, מיט שלייפן אויפגעגרויטע,
דו וויגסט זיך שוין א הארבסטיקער אין ווינט.
עס פרייט שוין ניט די פרישע באַקן־רויטקייט
פון פויערשן, פון שמייכלענדיקן קינד.

עס פרייט מער ניט דער פאַרמערישער דרויסן,
דער האָנען־קריי אין בלענדנדיקער זון,
אַ קעלבאלע, פון מוטערטראַכט ארויס נאָר,
אַ שטילע שוועל, באדרעמלט פון אַ הונט.

איך שפּאַן ארום צעווישן גראָז און שטיינער,
ווי אויף א „פעלד", אין טרויער איינגעקרעפּט,
און שווער איז אויפן הארצן — ביז צום וויינען,
און ווייסט, ווי אין אן אויסגעברענטן סטעפּ.

אָ, בליק מיינער, וואָס איז פון דיר געוואָרן׳
דו זעסט שוין איצט בלויז אונטערגאנג, בלויז נאַכט!

— — — — — — — — — — — — — —

זיי שטייען נאָך, די בערג (ווי פאַראַיאָרן),
מיט העלן רוים, מיט זוניקן באדאכט.

אויף פרעמדער ערד

א

ווי מילד איז דאָ צעבלויט די הימלדיקע רחבות,
ווי צאַרט איז דאָ צעגרינט די ברייטע, גראַמע ערד
(מיט וועלדער אויף די בערג, מיט שטיבער ביי די שליאַכן,
מיט שייערן פאַר ברויט, מיט שטאַל פאַר קו און פערד).

עס היטן טירן אָפּ געטרייע הינט קודלאַטע,
עס איז איעדע שטוב מיט וואַרעמקייט באַהויכט;
באַשטעלט איז יעדער טיש מיט עסנוואַרג מיט זאַטן;
פון יעדן קוימען קרויזט א דופטנדיקער רויך.

און דו — דו שפּאַנסט דאָ אום אין שטויבנדיקע ווינטן;
אין האַרץ — דער וואָגל־צער, אין בליק — דער צייכן־ייִד;
און, ווי א זינדיקער, פאַרפאָלגט פון שרעק פון בלינדער,
דו טוליעסט צו דער ברוסט א ציטעריקע ליד.

ב

עינים להם ולא יראו,
אזנים להם ולא ישמעו.

תהילים, קט"ו.

זיי זעען ניט דעם נס פון אויסגעפיקטן קנאָספּ
אויף האַרטער קאָרע־הויט פון זאַפטנפולע צווייגן —
און זייען זייער פעלד אין פרילינגשן צעגאָס
פאַר שפעדיקן וווּקס, פאַר זאַנגעדיקן שטייגן.

זיי הערן ניט די פלייט די יובלענדע פון פאַן
אויף גרינע קעפּ פון בערג, אין וועלדער־טיפן בלויע,—
און שניידן זייער ברויט אין זומערדיקן בראַנד
פאַר טעג פון ווייסן פראָסט, פאַר ווינטער־וואָכן גרויע.

און דו, וואָס ציטערסט אויף מיט זינען און מיט זעל
ביים מינדסטן שיין פון זון, ביים דינסטן ריר פון בלעטער,—
דו בלאָנקעסט דאָ ארום — א בלאַט אין געלן וועלק, —
געטריבן פונעם ווינט אין אָסיען־נעכט אין שפּעטע.

ג

אַ שטיל־פֿאַר׳חלומטער איך דריי זיך דאָ אַרום
אין פֿריען לויטערע, אין ראָזעווע פֿאַרנאַכטן;
באַגעגן אָפֿט אַן אויג, אַ בליקנדיקע קרום:
וואָס טוט אַדאָ אַ גר? וואָס זוכט אויף פֿרעמדער נחלה?

און מיר איז טייער דאָ איעדער בוים און קוסט,
אין ווינטער־נאַקעטקייט, אין זומערשן געבלעטער;
איך וואָלט איעדן צווייג געצערטלט און געקושט,
איך וואָלט איעדן בלאַט געפּעסטעט און געגלעט דאָ.

און מיר איז טייער דאָ איעדער באַרג און פֿעלד,
אין פֿרילינגדיקן גרין, אין האַרבסטיק־רויטע קליידער;
איך וואָלט איעדן גראָז פֿאַרטרויט מיין גאַרע זעל,
איך וואָלט איעדער בלום זיך אָפּגעגעבן פֿריידיק.

ד

אַ, פרילינגדיקע, אויפגעגרינטע ערד,
באַהעלט מיט גאָלד פון זון, באַפרישט מיט טויען!
פון נע־ונד אויפסניי איך קום אהער
מיין מידן לייב און לעבן דיר פאַרטרויען.

פון נע־ונד אויפסניי איך קום צו דיר
אַ טרונק־טאָן פון דיין קוויקנדיקער שטילקייט.
נאָר ס׳פאָלגט מיר נאָך — אַ בייזער הונט אין מיר —
אויך אין דיין רו מיין אומרו מיין צעבילטער.

און כ׳בין מקנא דאָ איעדע קו,
וואָס ליגט צעשפּרייט אין שוים דיינעם אין צאַרטן
און צופּט דיין גראָז דיין זאַפטיקן בארוט,
און קיינזאך קימערט איר, און קיינזאך אַרט איר.

און כ׳בין מקנא דאָ איעדן בוים,
וואָס שטייט אין דיר מיט איין פוס כאָטש פאַרקלאַמערט
און שטרעקט בארוט זיין בלעטערישע קרוין
אין שטילן בלוי, אין זויבערן, אין גראַמען.

און כ׳בין מקנא דאָ איעדן שטיין,
וואָס פרעמד איז אים אי פרייד, אי פיין, אי אומעט,
און ס׳ליגט זיין גרויער שטייניקער געביין
מיט רו מיט אייביקער ארומגענומען.

אַכט-שורה׳דיקס

א

דיין היים איז ערגעץ אונטערוועגנס,
דיין בעט — אַ קאַלטער, שטומער שטיין;
און ווו דו גייסט, איז גאָס פון רעגן,
און ווו דו קומסט, איז הינט־געוויין.

דורך טעג, דורך נעכט, אין שרעק, שגעון,
מיט בלייכן ווייב, מיט קראנקן קינד — — —
— — — — — — — — — — — —
און וואָס דו זייסט, צעפּיקן קראָען,
און וואָס דו שניידסט, פאַרטראָגט דער ווינט.

ב

סוף סעפטעמבער. ווינטן שארן גאָלד אויף שליאַכן.
בלעטער טוליען זיך צו ביימערישע פים.
וועווריקעס (מיט אויערלאַך און אויגלאַך וואַכע)
שלעפּן צו די נאָרעס אויסגערייפטע נים.

ס׳ליגן פעלדער הויל ביז הימלדיקע שוועלן.
ס׳ציען סטייעס פייגל צו א ווייטן קאַנט.
ס׳האַלזט די זון אין קילער לופט א קליאַן א געלן,
ווי א מידע פרוי — איר אָפּגעבליטן מאַן.

ג

ווי די שיינקייט פֿון א שמעטערלינג אין שוועבן,
ווי דער שימער (פֿול מיט וווּנדער) פֿון אַ טוי,
קורץ, איין־טאָגיק איז אזוי מיין ערדיש לעבן,
קורץ, איין־נאַכטיק איז אזוי מיין הימליש טרוים.

זאַפּ, מיין זעל, זיך אָן מיט דופּטנדיקן עטער,
טרינק, מיין גוף, זיך אָן מיט האָניקדיקער זון,
ווייל עס קרעכצן באַלד די אָרונ׳דיקע ברעטער,
ווייל עס פינצטערט באַלד דער קבר׳דיקער שלונג.

ד

שטייניק און דאָרניק דער וועג איז,
הויכער, צעשפּיציקטער בארג.
ברודער! רו אָפּעט א רגע
און — העכער אויף בארגישן קארק.

שאָטנס און נאַכט — אינדערנידער,
בארגשפּיין — מיט זונליכט באקרוינט.
ברודער! רו אָפּעט און — ווידער,
זיכער אין זוניקן לוין.

פון קליינוויז אָן

פון קליינוויז אָן א היימלאָזער, א וואָגלער, —
געוואָרן איז מיר נאָנט די גאָרע ערד,
און ווי דעם פיש אין ים, אין רוים דעם אָדלער,
איז היימיש אומעטום מיין יעדער קער.

איך וואנדער אום פון לאנד צו לאנד א לייכטער,
אָן אָרעמאן א פריילאכער, אָן זאָרג;
און ס'לייכט מיר טאָג, און אויך די נאַכט באלייכט מיר
און וו איך קום, איז ליב איעדער אָרט.

אַזויפיל פריידן איבער ערד צעשאָטן,
איך קלייב זיי גרינג אין טאָרבע מיין אריין;
אין תמוז־היץ — די קילקייט פון א שאָטן,
אין טבת־קעלט — פון זון דעם מילדן וויין.

איך דארף ניט פיל. צופרידן בין מיט קלענסטן.
סע זויגט מיך אָן מיט זעליקייט, מיט זין:
אַ פרוי'ס א בליק א גוטער אין א פענצטער,
א שמייכל פון א שפילנדיקן קינד.

א האַווקע פון א הינטל א צעשטיפטן,
א מוקען פון א קעלבעדיקער קו;
און יעדעס וואָלקנדל אין בלוי אין טיפן
פארפולט מיין הארץ מיט פרידן און מיט רו.

און יעדעס פעלד פארשמעקט מיט דינע ריחות,
און יעדער ווינט — די איידלסטע מוזיק;
איעדער שטיין א בעט איז מיר א וויכע,
אַ שלאָף־געטראַנק — דער זשום פון בין און פליג.

און ליב זענען אויך שטעט צעיאָגט־צעשאַלטע,
מיט ווענט באַשטעלט, מיט רויך און דאמף באדאכט;
איך שפּאַן ארום אויף לענטעס פון אספאלטן,
ווי אויף א גראָזיק־סאמעטענעם שליאַד.

און ווערט אַ שטאָט מיר ענג דורך מענטשן שלעכטע,
מיט גאַל אין בליק, מיט ליפּן — בייז צעשוימט,
איז הויב איך אויף דעם פוס מיינעם דעם רעכטן
און — האָב דיר אכציק גוטע יאָר, ידו, סדום!

אויפסניי אין וועג! עס איז פאַרנאַכט. אין אָסיען.
עס גרייט זיך זון צום גאָלדענעם פארגיין.
אויף גאָרער וועלט איז גאָט׳ס גענאָד צעגאָסן,
און גאָט׳ס אַ טייל איך בין אצינד אליין.

איך גיי מיט גרינגן טראָט און וואָס א רגע,
אַלץ לויטערער צעקלאָרט זיך מיין געמיט.
און הערן לאָזט פון אונטער פיס דער וועג מיר
דעם ריטם פון א וווּנדערלאכן ליד.

און זינגען נעמט דער האַרבסט אין מיר מיט פארבן
פון אַלע זיינע וועלדער, אַלע בערג.
און, ווי דאָס לעבן, לייכט ווערט מיר דאָס שטאַרבן,
און היים ווערט מיר דער הימל, ווי די ערד.

٦

געדענקסט ?

געדענקסט דעם בלויען, זומערדיקן אינדערפרי?
געפירט האָט אונז א פולער טראַם דורך גאַסן ענגע
צו רחבות הינטערשטאָטישער, צו זון און גרינס,—
א גאַנצן טאָג א פריידיקן באַנאַנד פארברענגען.

אין ווייט פארשוואומען איז די רוישנדיקע שטאָט
און מיר — צוויי פרייע פייגל אין א וועלט א פרייער;
און מיר — צוויי יונגע מענטשן, גרינגע אויפן טראָט,
מיט בליקן פרילינגשע, מיט פנימער — צעמייַיקט.

ווי שיין דו ביסט געווען אין קווייטלדיקן קלייד,
מיט האַלז און נאַקן אָפּגעדעקטן, ליכטיק־שלאַנקן.
איך האָב געערעדט צו דיר אזעלכע צאַרטע רייד,
וואָס קומען נאָר אין שעה פון גליק אויף די געדאַנקען.

צעווישן זאַנגען האָט געצויגן זיך א וועג,
א גראָזיק־בלומיקער, מיט זונשיין א באַשפּינטער,
און ווייט, ביים הימלשן, ביים זייבער־בלויען ברעג,
אַ הויכער וואַלד, א ווילד צעשויבערטער, געגרינט האָט.

מיר זענען אָנגעקומען, הייטערע, אין וואַלד,
די זון, א בלאַנקע, אין זעניט איז שוין געשטאַנען.
א שטילקייט אזא טיפע האָט אונז אָפּגעוואַרט
און שווייגנדיק באַגריסט אונז האָבן ביימער־שטאַמען.

אויף מאָכיקער, אויף ווייכער, שמעקעדיקער ערד
געלייגט האָסטו זיך אזא בליענדיקע, פרישע,
און איך — לעם דיר, אין יונגן, ציטריקן באַגער,
און — — ס׳האָט א רגע א פארשייטע אונז פאר׳כשופ׳ט.

א וווּנדערלאַכע, א צעלויכטענע מינוט.
און וווּנדערלאַך מיר האָבן אָנגעבליקט זיך ביידע.
און, פול מיט ווונדער, האָט צו אונז זיך צוגעקוקט
די רונדאַרומיקע, די ביימערישע ערדה.

עס האָט אין גראָז אַ פאָזעמקע געטאָן א בליץ
(דער וואלד איז פול געווען מיט פאָזעמקעס מיט רייפע) —
האָסטו א טאָניך־געטאָן, צעשויבערט און צעהיצט,
און איך—נאָך דיר, און — — אומרויקע הענט שוין רייסן.

א שעה און צוויי. דער טאָג געגאַנגען איז זיין גאַנג.
צעווישן ביימער האָט גענומען לאַנגזאַם טונקלען.
און זון — א גרויסע פאָזעמקע — צום מערב־ראַנד
אַלץ נעענטער גענידערט האָט — — אַראָפּגעזונקען.

און ווען פארנאכט געקומען איז אין ראָז צעבליט
און שאָטנס האָבן אויסגעצויגן העלזער לאַנגע,
אַוועקגעבלאָנקעט האָבן מיר מיט מידע טריט
און צו א וואסער א פארחלומטן דערגאַנגען.

א שיפל האָט גערוט ביים ברעג, מיט וועסלעס צוויי.
געאָטעמט האָט דער טייך מיט קילקייט פון די גרונטן.
א גלעטנדיקער ווינטל האָט אונז שטיל באַגלייט — — —
אין הימל האָבן שטערן גאָלדיק זיך געצונדן — — — —

און, זאט מיט זון און גרינס, מיט ליבע און מיט גליק,
— אָט דאָס איז לעבן? — האָסטו מילד א פרעג־געגעבן.
(דאָס וואסער האָט געשטראָמט, דאָס שיפל — זיך געגליטשט).
— מיין מיידאַלע! מיין קינדאַלע! אָט דאָס איז לעבן — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און היינט איז אזא קאלטער, ווינטערדיקער טאָג.
דער הימל — מיט אַ גרויען וואָלקן־טוך פארהאנגען.
די שטאָט, זי רוישט מיט יעדער גאס, מיט יעדן ראָג
און—רוישט אריין אין אויער מיר א וואָרט: פארגאנגען.

פארגאנגען לאנג איז יענער טאָג, ווי אלץ פארגייט,
ווי אלץ אין וועלט אין אונזערער, וואָס וואָר, וואָס טרוים איז;
און בלייבן בלייבט און אָפּשיין נאָר פון ווייטער פרייד,
און בלייבן בלייבט דער סם דער זיסער פון זכרונות.

עס נענט שוין דער פארנאכט. איך זיץ אין שטוב אליין
און פרווו אָט יענעם ווייטן ליבע־טאָג פארשרייבן;
און בליק דערביי זיך צו ווי ס'נעמט דער טאָג פארגיין
און פראָסטיק־בלויע צעבליט דער אָוונט זיך אויף שויבן.

אין אַלטע ווערבע . . .

אין אַלטע ווערבע, מיט אַ שטאַם אַ קורצן, קרומען,
האָט היינט דערמאָנט מיר אין מיין היימלאַנד אין מיין ווייטן, —
און אין זכרון זענען בילדער אָנגעשווומען,
און פאַרן בליק זיך איינס נאָך איינס געגומען בייטן.

. . . געדרייטע שליאַכן, זאַמדיקע, באַוואַכט מיט צלמים,
באַהיט מיט יווזלאָך (צו די צלמים צוגענאָגלט).
פון ביידע זייטן — אַלטע ווערבעס, קורצע, לאָמע. —
אויף יענע שליאַכן האָב איך לאַנג ארומגעוואָגלט.

ס'איז גוט געווען דורך טעג און נעכט אַזוי צו פאָרן
צעווישן פעלדער פון איין שטעטל אין אַ צווייטן;
אין ליבער מי געצויגן האָבן זיך די יאָרן —
(עס האָט אַ „צענטער" מיך געשיקט קולטור פאַרשפּרייטן).

אָט ברענגט ביינאַכט אַן אויטאָבוס מיך אין אַ שטעטל.
ארום איז שטיל. אין שלאָף אין טיפן — מאַרק און שולהויף.
און אין האָטעל עס וואַרט אַ בעט אַ ווייך געבעטע,
און יעדער אבר שנעל מיט שלאָף מיט זיסן פול ווערט.

די נאַכט פאַרגייט. איך וועק זיך אויף אַ לייכטער, פרישער.
עס בליט דער מזרח מיט אַ זון אַ טוייק־ראָזער.
פון גרינע צווייגן טרעלן פייגלשע זיך גיסן.
אַ לינדער ווינטל וויגט און טריקנט פייכטע גראָזן.

דאָס שטעטל וואַכט שוין. כ'שפּאַן דורך געסלקעס דורך שטילע.
(אין יונגן פרי — ווי אַנגענעם, ווי גרינג צו שפּאַנען);
אַ קלויסטער־גלאָק פאַר'חלומ'ט רופט צו מאָרגן־תפילה;
עס גייט פון פלופּ אַ דינסטמיידל מיט פולע קאַנען.

אָט ווייזט דער מאַרק זיך (אויפגעפּראַלט איז שוין א קלייטל).
אָט איז דער שולהויף. אָט די באָד איז; דער בית־עלמין — —
און — כ׳גיי צוריק: איך דאַרף א פאָרטראַג היינט נאָך גרייטן:
עס וואַרט אויף מיר א הייסער אָוונט אין לאָקאַל דאָרט...

און ס׳קומט דער אָוונט. אין לאָקאַל. בחורים, מיידן.
מע זיצט. מע שטייט. אַן ענגער קרייז. מע טוט אַלץ הערן.
א שעה און צוויי. און נאָכדעם לידער זיך שוין הוידען
ביז טיף אין נאַכט, ביי גלעזער טיי, ביי ברויט מיט הערינג.

און ס׳פירט דער וועג מיך צו אַ „פּונקט" שוין צו א נייעם.
איך פאָר מיט באַן. דורך יאָדלע־וואַלד. דורך פליינען פלאַכע.
א נייע נאַכט. א פרילינג־נאַכט. ווי הייליק־טייער
עס איז אין באַן א נאַכט אַזאַ א מונטער־וואַכע.

סע שפינט א טרוים זיך צאַרט און דין, אַ טרוים פון גלויבן
אין העלן מאָרגן, אין א צוקונפט זוניק־העלער.
די באַן, זי איילט, זי שלינגט די וויאָרסטן; ביז אין שויבן
אַ טאָג א פרישער, א צעבלויטער הויבט אָן קוועלן.

איך זיץ און בליק. עס איילט פאַרביי א וועלט א יונגע.
עס פאָכט א ווינטמיל מיט א פליגל, ס׳יאָגן הייזלאַך.
די באַן, זי טראָגט, אין קנוילן רויך, אין פייער־פונקען.
ביז קעגן פענצטער א וואָקזאַלכל עס באַווייזט זיך.

איך גיי אַראָפּ. עס וואַרטן חברה זון־פאַרברענטע.
די אויגן—פלאַם און מאַרקס און ענגעלס — אויף די לאַצן...
(אַרויס באַגעגנען דעם שליח פונעם „צענטר"
פון נאָענטן שטעטל איז א גאַנצע דעלעגאַציע) — — — —

אָ, ליבע יאָרן, יונגט־יאָרן גרין־צעבליטע,
מיט היים געגערטע, ווי מיט באָדן—ביימער־שטאמען,—
פארגאנגען זענען זיי שוין לאנג אויף ערד פון ליטע,
פארשווומען ווייט מיט ערד מיט ליטווישער צוזאמען.

און היינט האָט מיר אָן זיי דערמאנט א ווערבע קרומע,
א נידעריקע, מיט א טרויעריקן פּנים, —
און אין זכרון אלטע היים איז אָנגעשווומען — — — —
א דאנק דיר, ווערבע, פאר דער האַרציקער דערמאנונג!

קברים

א

געווען איז עס אין שווערע יאָרן,
אין צייט פון הונגער, טיפוס, טויט.
דריי ברידער, זיינען מיר געפאָרן
אויף דרום רוסלאנד זוכן ברויט.

אין שטאָט ראָמען (א פולגעפּאקטע
מיט הונגעריקע פונקט ווי מיר)
די האַנט פון טיפוס האָט געפּאַקט אונז
און אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט.

געלעגן זיינען מיר אין שכנות,
אויף קישנס דריי — דריי קעפּ אין היץ.
און ס'האָט דאָס לעבן בלויז מיך איינעם
פון טויט פריצייטיקן באשיצט.

איך האָב אויפסניי אויף פיס געשטעלט זיך,
אויפסניי אינדרויסן זיך דערזען;
די ערד מיט זומער האָט געהעלט דאָן,
דער הימל האָט מיט זון געברענט.

און אין א טאָג א זוניק־קלאָרן —
כ'האָב זיך געפילט נאָך זייער שוואך —
האָט מיך צו פרישע ברידער־קברים
אַן אלטער קברות־מאַן געבראכט:

— אָט אונטער די־אָ בערגלאך שמאָלע
זיי שלאָפן עס — די ברידער צוויי.
איך בין געשטאנען פול יללה,
נאָר ניט געוואָיעט, ניט געוויינט.

אַ האַרטער קנויל אין האַלז געשטיקט האָט,
צום אויג קיין טרער ניט צוגעלאָזט.
און, אַ פאַרשטומטער, אַ פאַרדריקטער,
דאָס בית־הקברות כ׳האָב פארלאָזט.

איך בין צוריק אין שטאָט געגאַנגען,
צום ווייטערדיקן לעבן גרייט.
נאָר ס׳איז דאָס „פעלד" מיר נאָכגעגאַנגען,
און ס׳האָבן קברים צוויי באַגלייט.

ב

אין זעלבן יאָר, געווען איז האַרבסט שוין,
האָט מיך אַ צוג קיין מינסק געבראַכט.
ס'האָט דאָ מיין היים די יאָרן האַרבע
פון ערשטן וועלט־קריג דורכגעמאַכט.

נאָר זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן,
אין נײַנצנטן, אין שוואַרצן יאָר,
געבליבן איז פון אונז דאָ גאָרניט,
געבליבן איז אַ קבר נאָר.

די מאַמע מײַנע, ברידער, שוועסטער, —
זיי זענען שוין געווען פונלאַנג
וווּ מײַן קינדהייט האָט געגלעסטעט:
אין קאָוונע־שטאָט, אין ליטע־לאַנד.

און איך — אַליין, נאָך הונגער־יאָרן,
נאָך קרענק, נאָך טויט פון ברידער צוויי, —
האָב איך זיך דאָ אין האַרבסט־טעג קלאָרע
אַן עלנטער אַרומגעדרייט.

און אין אַ טאָג אַ טרייק־קילן,
ס'האָט זון געהאַלטן ביים פאַרגיין,
אַהינטער שטאָט, אויף „פעלד" אויף שטילן
האָב איך דערזען זיך איינאַליין

ביים טאַטנס קבר האַרבסטיק־געלן,
מיט גרויען קבר־שטיין באַשווערט.
כ'האָב אויסגעצויגן ביי זיין שוועל זיך,
זיך צוגעטוליעט צו זיין ערד

און — לאנג געלעגן. שטום. געשוויגן
צוזאמען מיטן קבר־שטיין.
ביז ס'האָט דער טאָג זיין לעצטן ניגון
אויף האַרף פון שקיעה אויסגעוויינט.

ס'איז נאכט אראָפּ. איך בין געגאנגען
צוריק אין שטאָט — צום לעבן גרייט.
נאָר ס'איז דאָס „פעלד" מיר נאָכגעגאנגען,
און טאַטנס קבר האָט באגלייט.

קאָווגע, קוידענאָוו, ליבאַוויטש

קאָווגע, קוידענאָוו, ליבאַוויטש,
יוגנט־סטאַנציעס מײַנע דרײַ,
ס׳פירט צו אײַך די גיכע באַן מיך —
מײַן זכרון — אויפּראַסנײַ.

קאָווגע האָט געוויגט מײַן וויגל,
קוידענאָוו — צעגליט מײַן האַרץ,
אין ליבאַוויטשער ישיבֿה
האָט מײַן מוח זיך געשאַרפט.

קאָווגע! דו, מײַן חיים מײַן אַלטע,
ערשטע סטאַנציע פון מײַן זײַן,
אין דײַן הימל ליגט באַהאַלטן
גאָר מײַן בלויע קינדהייט־שײַן.

איך געדענק אַ פרילינג־דרויסן
אויף דער שוועסטערס צאַרטע הענט:
מחנות שפּאַנען, לידער רוישן,
פאָנען — הויכע, רויטע ווענט.

פינפטער יאָר אין אויפשטאַנד־פיבער
פאַר מײַן אויג האָט זיך געדרייט. —
ס׳איז אויף אייביק שוין פאַרבליבן
אין מײַן האַרצן יענע פרייד.

קוידענאָוו! מיין ליבע ערשטע
האָב איך צו פאַרדאַנקען דיר.
בין געוואָרן א באַהערשטער
פון איר ערשטן בליק־באריר.

פּערל איז געווען איר נאָמען,
אַי, איז דאָס געווען א מויד.
אירע קושן — פייער־שטראָמען —
ברענען איצט נאָך אויף מיין מויל.

ס'האָט איר ברודערל נפתלי
אונזער ערטל אויפגעדעקט —
איז געוואָרן א יללה,
האָט זיך אונזער „בונד" געעקט.

אין ישיבה פון ליבאוויטש
האָב פון „קונסטן" דריי געכאַפּט:
איבערהיפּן שטיקער דאַווענען,
רויכערן און טרינקען י"ש.

ביז א שלעגער אויך געוואָרן
פון חזירים און פון הינט,
און נאָך זיי מיט דער גמרא
זיך ארומגעיאָגט — א ווינט.

קאָוונע האָט מיין וויג געהוידעט,
קוידענאָוו — מיין הארץ צעברענט;
אין ליבאוויטש אויף א בוידעם
האָב איך מענדעלען דערקענט.

האָב זיך אין א נאַכט „פּאַרלערנט"
ביי זיין „קליאַטשע" ביזקל שפּעט
און, אַנשטאָט א רב צו ווערן,
בין געוואָרן א פּאָעט.

קאָוונע, קוידענאָוו, ליבאַוויטש,
יוגנט־סטאַנציעס מיינע דריי,
ס׳פירט צו אייך די גיכע באַן מיך —
מיין זכרון — אויפדאָסניי.

רביים

קינדהייט בלויע, קינדהייט ווייטע.
קומסט נאָך ווען צו מיר צוגיין,
ווי א ווינטל, א פארשייטע,
ווי א בלימל, מלא חן.

פון די פריסטע קינדעריאָרן,
ערשט אוועק אין חדר־שפאן,
בין מיט טאַטן שוין געפאָרן
צו רביים זאַלבענאַנד.

האָב אין קוידענאָוו, ליבאוויטש
זיך ארומגעדרייט אויף קעסט
אין די „הויפן" די געפאקטע,
ביי די „טישן" מיט די געסט.

קום, זכרון, מיש מיר אויפעט
יענע טעג אויף יענער ערד:
איך, א קליינינקער, אן עופ׳ל, —
אין א רינג פון גאָלע בערד.

בערד פון גרייזע, בערד פון יונגע,
אין קאָלירן אלערליי,
פול מיט דאָרשט און פול מיט הונגער
נאָכן רבינס הויכע רייד.

נאָר פון בערד פון יענע אלע
לויכטן איצט נאָך פאר מיין בליק:
שנייערסאָנס1) — ווי זון צעשטראליקט,
און פערלאָווס2) — ווי שניי צעבליט.

1) שנייערסאָז — דער ליבאוויטשער רבי,
2) פערלאָוו — דער קוידענאָווער רבי.

ס'איז דאן אין מיין לייבטן קעפל
זייער „תורה" גרינג ארײַן:
שנייערסאָנס — אין ניסתר־נעפל,
און פערלאָווס — אין ניגלה־שיין...

צוויי רביים פון מיין פרי־צייט,
צוויי רביים — פּאָרכטיק־פרום.
ביז אין דונערן און בליצן
האָט מלחמה זיך צעברומט.

אין די יאָרן פון מהומה
(ווי א ים אין וויכער־וויג)
האָט געלערנט מיך מלחמה,
האָט געלערנט בירגערקריג.

קום, זכרון, מייש מיר אויפעט
יענע גרויליגדיקע טעג:
בליי און באָמבע, רויך און שרפה,
שטריק אויף העלזער, בלוט אויף העק.

ס'האָט דער שטורעם דער צעברויזטער
מיטגעשלעפּט מיך פאר די האָר,
און אין לעבן בין ארוים איך
א געלערנטער ביז גאָר...

איצט רביים האָב איך נייע,
צוויי רביים, דעמביש־שטאַרק,
ס'רופט דער ערשטער זיך ישעיה
און דער צווייטער — קארל מארקס...

ניגונים

ישראל ראבינאָוויטש׳ן געשענקט

שבתים ליבאוויטשער ווײַטע,
פארנאכט נאָך דער סעודה דער דריטער,
איר וועקט אין מיין הארצן באניים היינט
אַ יונגן, א פריידיקן ציטער.

שוין טונקל אין שולכל אין קליינעם,
אהינטער דער הילצערנער בימה;
א חברה בחורים איניינעם
צעלאָזן זיך דאָ אויף די שטימען.

דאָס זינגט מען ניגונים אצינדער,
חב״דישע, חסידישע, שיינע;
און אויגן אין זינגען זיך צינדן
מיט בענקשאַפט דערהויבענער, ריינער.

נאָך צייטן פארגאנגענע, בלויע,
נאָך אלטע רביים — נפטרים,
נאָך מעשיות, ספורי־נפלאות,
דערציילטע בעל־פה און אין ספרים.

עס קייטלט זיך ניגון נאָך ניגון,
מעלאָדיש, קאָלירנדיק, דופטיק;
און שאָטנס שוין נעמען צעוויגן
דעם אָוונט, וואָס ענגט אינדערלופטן.

די חברה בחורים אַלץ פעסטער
זיך טוליעט, באהעפּט זיך צוזאַמען,
און שטימע מיט שטימע פאַרמעסט זיך
אין דבקות, וואָס האָט אַלע טעמים.

עס באַסעוועט שמשון פון וויטעבסק,
און יאַנקל טענאָר לאָזט זיך הערן,
און מענדל דער אַלט, א צעגליטער,
וואָס ווייטער צעברויזט זיך אַלץ מערער.

און בונים באָברויסקער דער שוואַרצער
(זיין באָרד ביזן גאַרטל דערגרייכט אים)
ברומט אונטער מתיקות'דיק, האַרציק
אויף שטים זיינער לירישער, ווייכער.

און איך, מיט מיין דינינקן קול'כל
(איך בין דאָ דער קלענסטער — א ייִנגל),
די זינגער באַרימטע טו העלפן
און — טראָג זיך אויף פליגלען אויף גרינגע.

עס קייטלט זיך ניגון נאָך ניגון,
מעלאַדיש, קאַלירנדיק, דופּטיק;
און שאַטנס אַלץ מערער צעוויגן
דעם אָוונט, וואָס הענגט אינדערלופטן.

עס פינטלען אין פענצטער שוין שטערן,
פון מעריב די שעה איז געקומען,
נאָר קיינער פון דעם וויל ניט קלערן,
עס ווילט זיך אַלץ זינגען, אַלץ ברומען.

עס ווילט זיך די שטימונג די העלע
מיט ניגון מיט יעדן פארהאַלטן,
אַז וואַרעמען זאָל אין דער זעלע
אין קומענדע וואָכנטעג קאַלטע.

שבתים ליבאָוויטשער ווייטע,
פאַרנאַכט, נאָך דער סעודה דער דריטער,
איר וועקט אין מיין האַרצן באַניים היינט
אַ יונגן, אַ פריידיקן ציטער.

ביי דער מצולה (1

אברהם רייזען — א מתנה

אויף צוואנציק יאָר האָט היינט די צייט
צוריקגערוקט פאַר מיר איר זייגער —
און אָנגעשוועמען איז פונווייט
דאָס שטעטל קוידענאָוו אין אויג מיר.

א יינגל בין איך דאַן געווען,
ניט אַלט קיין פערצן יאָר קיין פולע,
פאַרבראַכט די טעג צעווישן ווענט
פון רבינס שול, ביי דער מצולה.

געלערנט אין ישיבה דאָרט,
געראַנגלט זיך מיט סוגיות שווערע
און, אין קאַפּאָטקעלע פון קאָרט,
געטרוימט א רב א גרויסער ווערן.

נאָר ס'האָט פון וועג אַראָפּגעפירט
א חבר מיך מיט „ספרי מינות"
און, ביסלעכווייז, האָב איך דערשפּירט:
שוין ניט קיין רב מיר ליגט אין זינען...

און איינמאָל, אין א נאַכט, אין הארבסט,
געלייענט האָב א מעשה — „אייזן",
און ס'האָט פארקריצט זיך אין מיין הארץ
דער נאָמען פון מחבר — רייזען.

האָב פאַרגעדענקט זיין יונגנמאַן
(אין מיידלס אויגן־נעץ געפאַנגען);
פון אייזן־קראָם מיט אים געשפּאַנט,
מיט שטיקער אייזנווארג באהאנגען...

---

1) די מצולה — א שטייענדיק וואַסער אין קוידענאָוו (א. רייזענס געבורט שטעטל).

און פונעם מיידל האָב געטראַכט,
געוועזן אין איר פאַרליבט אפילו...
ביז איינמאָל, אין א ווינטערנאַכט
(אין רבינס שול: ביי דער מצולה),

האָב איך דערפילט: ס׳איז גאָרניט זי —
ס׳איז גאָר די טאָכטער פונעם רבין;
צו איר איך רייס זיך עס, איך ציִ,
פאַר איר בין גרייט מיין לעבן געבן.

פאַר איר, פאַר פערלען, — שלאַנק און שיין,
מיט בלאָנדע צעפּ מיט צוויי, ווי שלאַנגען;
פאַר איר פון אייזן־קראַם כ׳וואָלט גיין
מיט שטיקער אייזנווארג באהאנגען...

און כ׳האָב געחלומט פֿון דאן אָן
(אין רבינס שול, ביי דער מצולה):
מיין טרוים — אין וואָר ער קליידט זיך אָן
און פּערל — זי איז שוין מיין כלה.

און — ס׳האָט זיך שוין אזוי געמאַכט:
עס איז צו איר מיין טרוים דערגאנגען,
און אין א פרילינגדיקער נאַכט
האָט זי מיט... קושן מיך באהאנגען.

דעם טעם פון יעדן יענעם קוש
עס פילט מיין מויל נאָך איצט אפילו.
פון אונזער ליבע האָט געוווסט
(אחוץ אונזביידן) די מצולה.

מיר זענען אַפּט געזעסן דאָרט,
אין פרילינג־נעכט, — ביי דער מצולה,
ביז ס'האָט געפּאַקט אונז „אויפן אָרט"
דעם רבינס יינגסטער זון — נפתלי.

און — ס'האָט געעקט זיך דער „ראָמאַן".
איך האָב נאָך פּעטש אריינגעקראָגן...
און ס'האָט די קוידענאָווער באַן
מיין שלעכטן שם מיט זיך פאַרטראָגן — —

מיין ערשטע ליבע ז'דאָס געווען
(אין קוידענאָוו, ביי דער מצולה).
בין דאַן א יינגל נאָך געווען,
ניט אַלט קיין פערצן יאָר קיין פולע.

דער מויער

מיינע ליטווישע חברים —
אַ דערמאָנונג.

אַ מויער אַ דריישטאָקיקער אין פעלד,
באַוווינט האָט אים אַ רייכער ייד, אַ פּריץ.
איצט האָוועט דאָ אַ קאָלעקטיווע וועלט.
איך טו אַהער פון שטאָט פון נאָנטער פאָרן.

איך פאָר מיט באַן, דורך פליינען און דורך פעלד,
באַהאַנגענע מיט פאַרבנפולן אָסיען.
און אָט שווימט צו אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל,
מיט הימלבלוי און זונענגאָלד באַגאָסן.

איך גיי אַראָפּ, פאַרנעם זיך אויף אַ וועג
צעווישן ווערבעס נידעריקע, קרומע.
איך שפּאַן אַוועק און, שפּאַנענדיק, זיך וועקט
אין האַרץ ביי מיר אַ ליד אַ ליכטיק־פרומע.

אַרום איז שטיל, בלויז פעלדערישע ברייט.
און וור־ניט־ווו — אַ פויערישע כאַטע.
און וור־ניט־ווו אַ שייער אָפּן שטייט.
און ס'ווייט פון אים מיט דופּטנדיקער זאַטקייט.

איך שפּאַן זיך מיר. דער וועג איז הויך באַשיט
מיט בלעטער אין פאַרשידענע קאָלירן.
דאָס ליד אין האַרץ — עס הויבט זיך אַליין, עס בליט
און נעמט זיך שוין אויף גומען מיינעם שפּירן...

נאָר אָט, אין ווייט, דער מויער זיך באַווייזט,
זיך שיילט אַרויס מיט דאַך און ווענט און פענצטער,
און דורך זיין טיר, א רעשיקער, זיך רייסט
דער קאָלעקטיוו — פון עלצטן ביזן קלענסטן.

דאָס האָט מען פונדערווייטנס מיך דערקענט,
מען איילט מקבל פּנים זיין דעם אורח;
אין א געפלעכט פון אַקסלען און פון הענט
מען לאָזט זיך טאַנצן אַרום מיר א הורא.

מע טאַנצט אַזוי אין מויער שוין אַריין.
דאָס ליד אין האַרץ — איך נעם עס איצט פאַרגעסן.
ס'איז מיטאָק־צייט. אין קיך מיט אַלע פריינט
איך זעץ זיך צו געשמאַקע קניידלאַך עסן.

איך עס זיך אָן, פאַרזופּ מיט הייסן טיי
און גיי אַרויס אַרומקוקן די נחלה:
די שאָפּע איז פאַרפּאַקעוועט מיט היי,
די תבואה אינעם שייער ביזן דאַך איז.

די ערד אַרום איז אָפּגעשאָרן, לער
און דאָ, און דאָרט, — אויף ווינטער שוין פאַראַקערט;
און דאָ, און דאָרט א קליאָן, א דעמב מיט בערד
אין מילדער זון אין האַרבסטיקער — צעפלאַקערט.

איך דריי זיך אום, א פריידיקער, און קוק,
איך קום אריין אין קי־שטאַל, אין סטאַדאָלע;
עס ווייזט מיר דן איעדע קאלב און קו,
עס צייגט מיר הירש די סוסים און עגלות.

איך טו מיט רבקה׳ן אויף א פערד א רייט,
איך טרינק אים אָן אין טייכל אין פארטראכטן.
און אָט אזוי זיך רוקט פאָרויס די צייט,
און אָט אזוי דער טאָג פארגייט און — נאכט ווערט.

אין מויער־קיך א לעמפל פלעמלט אויף.
עס נעמט די קיך, א הילכיקע, זיך וויגן:
מע קומט איצט פון דער ארבעט זיך צונויף;
מע וועטשערעט, מע דיסקוטירט, מע ניגונט.

די לופט זיך בלויט פון פאַפיראָסן־רויך,
און לייבקע קלאפט א לעפל אָן א טעלער;
און איך — אן אָנגעאַרבעטער — זיץ אויך
ביים ברייטן טיש און — אלץ איז מיר געפעלן.

עס קייטלען זיך אזוי־אָ שעה נאָך שעה,
ביז האַלבנאַכט קומט מיט הענערישן קרייען,
דאן וויקלט זיך דער מויער אין אין שלאָף,
און איך—אויך איך זיך לייג אין בעט—מיט צווייען:

מיט מאירן און ארקען — זאלבאדריט;
און שלאָף באלד איין — א שלאָף א וואָרעם־זיסן..
און ווען פארטאָג איז מזרח זיך צעבליט,
איך בין שוין וואך — א הייטערער, א פרישער.

איך הויב זיך אויף, איך טו א בליק אין שויב:
עס ליגט די ערד מיט ראָזן טוי באוואשן;
אין הימל־הויך א בלייכע זון זיך הויבט;
און ס׳טרייבט שוין וואָלף די סטאָדע אויף דער פּאשע.

עס הייבט זיך אָן א נייער טאָג פון מי,
און איך — אויך איך די הענט זיך נעם צעפירן:
איך פּאָר מיט מלך׳ן נאָך מעל אין מיל,
איך טו מיט אלטערן דעם טראקטאָר פירן.

איך קאָרמע אָן די עופות און דעם הונט,
און גראָב אין גאָרטן אָן קארטאָפל נייעם;
און פּאָמפּע וואַסער אָן א פולע טון;
און העלף אין קיך עדינה׳ן מאכן פייער.

דער טאָג דערוויל, א לויטערער, פארגייט,
אָט שווימט שוין אָן די נאכט אויף שאָטנס לאנגע;
עס ווערט די קיך אויפסניי פארפולט מיט פרייד,
עס נעמט דער מויער הילכן מיט געזאנגען.

מע זיצט שוין ווידער ארום ברייטן טיש:
מע וועטשערעט, מע דיסקוטירט, מע ניגונט;
און איך — איך זיץ דאָ אויך; זאפּ איין, געניס
די פרייד פון יונגע האָרעפּאשנע יידן.

און אָט אזוי אין מויער, וואָס אין פעלד,
איך טו א טאָג און צוויי און מער פארווײלן,
און זעגן זיך דערנאָך מיט דער־אָ וועלט,
און שפּאַן אוועק מיט פעלדיש־שטילע מיילן.

איך שפּאַן צוריק צום סטאַנציע, צום וואָקזאַל.
עס וואַרט אויף מיר די שטאָט די שטייניק־גרויע.
נאָר ס׳פֿאָלגט מיר נאָך — א קלינגענדיקער קוואַל —
דאָס יונג געזאַנג פֿון קאָלעקטיוו אין מויער.

און כ׳גיי אין וועג מיט שטילער פרייד באַהעלט,
און ס׳נעמט דאָס ליד פֿאַרגעסענע זיך וועקן,
און פֿערז נאָך פֿערז פֿון טיף פֿון האַרצן קוועלט,
און — — — ס׳טוט דאָס ליד דאָס דאָזיקע זיך עקן.

ה

ירושה

דיין ליכטיקן אַנדענק, טאַטע.

ניט גאָלד, ניט גיטער, ניט געשעפטן,
ניט האַרטע, האָרעפּאַשנע הענט. —
אין גוף אין דינעם — וויייניק קרעפטן
און אויפן גוף — א לייוונט העמד.

און אויגן, ווו עס רוט דער אומעט,
אין חלום־שפּינוועבס איינגעשפּינט.
א האַרץ, וואָס טוט א ליד אויסזשומען,
א ליד פון וואָגל און פון ווינט.

א האַרץ א שווערס, ווי, טאַטע, דיינע,
א בליק, ווי דיין, מיט טרויער זאַט;
א גוף א שוואַכער — פון דיין תענית,
פון שטאָם דיינעם א ציטער־בלאַט.

נאָר צוגעשמידט דיין שטאָם געווען איז
צו הימלען פעסטער ווי צו ערד.
אויף יעדן צווייג זיין העלן אמת
דערקענען איז געווען ניט שווער.

אויף יעדן צווייג האָסט אויפגעצייכנט
מיט אייגן בלוט איין וואָרט נאָר: ייד.
און איך, דיין זון, דער דינער, בלייכער, —
וואָס טו איך אויף דאָ מיט מיין ליד?

דיין הימל איז פאַר מיר שוין ליידיק
און לאָקט שוין מער ניט מיין געדאַנק;
און דיין פאַרשפּראָכענער גן־עדן —
ער איז פאַר מיר פאַרמאַכט שוין לאַנג.

אַדאַ, אויף ערד, איך זוך אַן אָנהאַלט
פאַר מידן לייב און מידער זעל.
נאָר ס׳לויערט פינצטערע סכנה
אויף אַלע וועגן פון מיין וועלט.

אַדאַ, אויף ערד, איך פרוּוו געפינען
א תּיקון פאַר מיין צאַרטן טרוים.
נאָר ווו איך קער זיך, דאָרנט שׂנאה,
און ווו איך ווענד זיך, בייזקייט שוימט.

פאַר דיר האָט כאַטש די וועלט פון צוקונפט
געשיינט — אַ טרייסטנדיקע זון.
און איך, אויף ערד, דאָ, פול פאַרצוקונג, —
איך וואָגל, ווי א גילגול, אום.

אַך, ווי מקנא כ׳בין דעם בויער,
וואָס קנעט דעם ליים, וואָס הייזער בויט;
אַך, ווי מקנא כ׳בין דעם פויער,
וואָס גראָבט זיין פעלד, וואָס זייט זיין ברויט.

פאַר זיי דער ציל פון לעבן קלאָר איז,
ווי קלאָר עס איז פון טאָג דאָס ליכט.
פאַר מיר דער לויז פאַר וואָגל־יאָרן —
א באַדנלאָז, א היימלאָז ליד.

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

נאָר אויב איך קען זיך ניט באפרייען
פון דיין ירושה, טאַטע מיין,
און ס'איז באַשערט מיר מיט כלי־זיין
פון וואָרט און ליד באוואָפנט זיין, —

טאָ זאָל מיין וואָרט כאַטש זיך פארמישן
אין בויערס ברוינעם, שטייפן ליים,
און זאָל מיין ליד מיט טוי באפרישן
דעם פויערס אויפגעגרינטן פליין.

אין טיפער, שטילער נאַכט . . .

אין טיפער, שטילער נאַכט, פון ווייט, פון איבער ים'ען,
א נאָנטע שטים, א ציטריקע צו מיר דערגייט.
דאָס קלאָגט אין היים, אויף האַלב פארוויסט, מיין אַלטע מאמע,
מיט זין אירע מיט פיר צעריסן און צעשיידט.

עס האָט דער סערף פון טויט די ערשטע צוויי פארשניטן
אין פרילינגדיקן בלי — צוויי זאנגען, גרין געהילט.
אין פעטער ערד אוקריינישער שוין באַלד דריי שמיטה'ס
א קבר לעם א קבר ליגן זיי פארשטילט.

דער דריטער פרי פון שטוב פון אָרעמער אוועק איז
מיט ברויז אין הארץ צו נייער אויסגעטרוימטער וואָר.
דאָס יינגסטע קינד. א יונג אויף שפּאניעס הייסע שטרעקעס. —
צי וועט נאָך ווען דערגרייכן איר זיין בליק, זיין וואָרט ?

און איך, דער פערטער, דאָ, שוין העכער א יאָרצענדליק
פון אייגענע, פון היימישע שוין באַלד פארפרעמדט.—
אָ, מאַמע הארציקע! פארגיב פאר אָפּגעפרעמדקייט,
פארגיב פאר קאַרגע בריוו, פאר שורה'לאך אָן ברען.

עס איז מיין לעבנס־וועג מיט קווייטן ניט באַשאָטן,
עס איז מיין דיכטער־גאנג מיט זונגאָלד ניט באהעלט;
איך טרייב זיך דאָ ארום — א שאָטן פון א שאָטן —
מיט לייב מיט ליידנדן, מיט בלוטנדיקער זעל.

נאָר מיין ניט, אז איך האָב אין ווי מיינעם פארגעסן
אָן דיר, מיין איינציקע, אין אויסגאנגלאָזן פיין. —
אין בלינדע נעכט, נאָך טעג, פון ווערעם דורכגעפרעסן,
איך ליג, ווי דו, א שלאָפלאָזער און הער זיך איין

אין שטים דיינער, מיט הייסע טרערן אָנגעגליטער,
אין דיין געוויין, מיט איכה־טענער אזוי זאַט, —
און ס'ווערט מיין הארץ מיט שווערן טרויער דורכגעציטערט,
און ס'ווערט מיין זעל מיט האַרבן ווייטאָק דורכגעזאַפּט.

אין טיפּער, שטילער נאַכט, פון ווייט, פון איבער ים'ען
א נאָנטע שטים, א ציטריקע, צו מיר דערגייט.
דאָס קלאָגט אין היים, אויף האַלב פּארוויסט, מיין אַלטע מאַמע,
מיט זיין אירע מיט פיר צעריסן און צעשיידט.

בריוו צו מיין ברודער אייזיק

א

פֿאַרגיב מיר פֿאַר דער גוטער שעה,
אַליין, מיט זיך, אין צימער שטילן.
איך בין אַ מידע, בלודנע שאָף,
וואָס זוכט זיך דו אין ליד, אין תּפֿילה.

איך האַלט דיין בילדל אין דער האַנט,
באַטראַכט דיך לאַנג מיט בליקן באַנגע.
דו שטייסט מיט שטעכלדראָט פֿאַרצאַמט,
אין ענגן קאַנצלאַגער געפֿאַנגען.

אָ, ברודער מיינער, אייגן בלוט,
מיט אָפֿענעם, מיט בראַון פּנים,
עס רייסט מיין האַרץ זיך פֿון מיין ברוסט
צו דיר אין קלעם פֿון בייזע שונאים.

אַזוי נאָך יונג פֿון אונזער היים
דו ביסט אַוועק מיט טריט מיט האַרטע,
פֿאַרשווייגן מאַמעס דין געוויין,
פֿאַרשטויסן שוועסטערס פֿרומע צאַרטקייט.

צו נייער וואָר, צו רויטן טרוים,
אויף שפּאַניעס פֿייערדיקע פֿראָנטן,
מיט קאָפּ, ווי פֿרייהייט־פֿאָן, געשווימט
צום ציל געגאַרטן, ווייטן־נאָנטן.

און איצט פֿון טרוים דיינעם דאָס לאַנד —
מיט נאַכט און פֿינצטערניש באַהאַנגען,
און דו — דו שטייסט מיט דראָט פֿאַרצאַמט,
אין ענגן קאַנצלאַגער געפֿאַנגען.

אָ, ווי מיר ווילט זיך זיין, ווו דו,
דיין נויט און פיין און צאַרן טיילן,
צעברויזן מיט דיין דראנג מיין רו
און האָבן אין דיין מוט א חלק.

נאָר כ׳בין א מידע, בלודנע שאָף,
וואָס זוכט זיך רו אין ליד, אין תפילה — — — —
— — — — — — — — — — — — —

פארגיב מיר פאר דער גוטער שעה,
אליין, מיט זיך, אין צימער שטילן.

ב

ב׳געדענק דיך אין דער שטילער ליטע,
א יינגל נאָך און — שוין א מענטש.
אין קריג מיט הערשער — פאראזיטן,
אין בונד מיט בויערישע הענט.

צו זעכצן יאָר האָסט שוין געשטורעמט
פון אַלטן לעבן די באַסטיל;
פאר נייער וואָר א הארטן פורעם
אין קאמף געגאָסן און געקילט.

אין ערשטן מיי, אין מארש אויף גאסן
האָט ניט געבויגן זיך דיין קאָפּ
פאר קנוט פון שונא פון פארהאסטן,
וואָס איז אויף אים מיט ברי אראָפּ.

באטאַפּט האָט מאמע רויע וונדן,
דאָס ליב געזיכט, אין בלוט צעשמירט
און, א פארוויינטע, זיך געוווּנדערט:
ווי קומט א קינד אזא צו איר?

און ווען די היים ז׳געוואָרן ענג דיר,
און גאָרע לאנד — א תפיסה־צעל,
ביסטו צו ברויזנדיקע מענגעס
אוועק אין ווייטער, גרויסער וועלט.

פון ליטע־גרוי ביז העל פון שפאניע,
דורך עמיגראנטישן פאריז,
און מאמעס טרערן, שוועסטערס טענות
צעטראָטן מיט די יונגע פיס.

געפונען זיך א היים א נייע,
אין בארצעלאָנא, אין מאדריד,
א פרייע ערד און רוימען פרייע
פאר אריער־קנעכט, פאר בידנעם ייד.

נאָר ס'האָט דער פיינט אויך דאָרט פארפאָלגט דיך,
פארפלייצט דאָס לאנד מיט העלדן־בלוט;
און איצט א שווארצער, דיקער וואָלקן
אויף נייער היים אויף דיינער רוט.

ג

איך לייען דיינע לאגער־בריוו,
איעדע שורה — שטאַלץ און מוטיק:
— דאָס איז נאָך ניט דער לעצטער קריג,
דער פיינט באַצאָלן וועט נאָך בלוטיק.

דערציילסט פון שלאַכטן און פון פראָנט,
ביסט שוין געווען צוויי מאָל פאַרוואונדעט,
נאָר טויטן דיך האָט ניט געקאָנט
ניט פראַנקאָ'ס קויל, ניט קעלט, ניט הונגער.

דו דאַרפסט און וועסט נאָך לעבן לאַנג,
נקמה נעמען פון די שונאים;
דערלעבן טעג פון רויט געזאַנג,
פון רויטע, פלאַטערדיקע פאָנען.

איז ניט געזאָרגט, זיך ניט באַקלאָגט
אויף האַרטער בעט, אויף ברויט אויף טרוקן,
אויף שטעכלדראָט — ביינאַכט, בייטאָג,
אויף שטרענגער וואַך, אויף בייזע בליקן.

סע שיינט די זון אויך דאָ אַראָפּ
אויף קעפּ אויף טויזנטער פון העלדן,
און אַלע קעפּ — עס איז איין קאָפּ,
איין וועלט — די אַלערלייע וועלטן.

פאַרשידן איז אַדאָ די שפּראַך,
פאַרשידן זענען דאָ די נאַציעס,
נאָר אַלע — גרייט צו נייער שלאַכט
אקעגן שוואַרצע, ברוינע נאַצים.

און ווען די לאַנג־געגאַרטע שעה
פון שלאַכט אַנטשיידענער וועט שלאָגן,
וועט אונזער שאַרף־געציילטער שאָס
דעם פיינט אויף אייביק שוין דערשלאָגן.

איך לייען דיינע לאַגער־בריוו,
מיט שטאָל עס קלינגט איעדע שורה:
— דאָס איז נאָך ניט דער לעצטער קריג,
מיר וועלן זיך נאָך רעוואַנשירן.

ד

ווי אין דיין ליטע־היים,
אין קליינעם, שטילן לאַנד,
אַזוי אויך ברייט און לענג
פון יעדן אָרט און קאַנט, —

דו קענסט זי שוין, די פּיין
פון ענגער הינטערגאַס;
די וווינונגען — אָן שיין,
די ווענט — צעבויגן, נאַס.

דו קענסט אים שוין, דעם צער
פון אַרבעטלאָזע הענט;
דעם אָרעמאַן, וואָס דאָרט
פאַרשטויסן און פאַרשעמט.

דו פילסט עס שוין, דאָס בלוט
פון הבל'ן, וואָס רינט,
וואָס אין דער ערד ניט רוט,
וואָס שרייט און רופט צום דין.

זיי זענען נאָענט דיר, נאָענט,
די הערצער, פול מיט האָס
צום זאַטן אויבנאָן,
צו גביריש־גראַמער גאַס.

זיי זענען ליב דיר, ליב,
די הערצער, פול מיט דראַנג
(ווי אין פאַריז, מאַדריד)
נאָך טעג פון רויט געזאַנג.

ווי זיי, אזוי דיין הארץ
עס קאָרטשעט זיך אין נויט,
און ביטער איז און הארב
דיין וואסער און דיין ברויט.

ווי זיי, אזוי דיין גייסט
צו אויפשטאַנדן איז וואך
און שניידיק־שארף זיך רייסט —
א שווערד פון שייד — אין שלאכט.

א בריוו צו מיין ברודער יעקב

א בלויער אָקעאַן איז היינט דער הימל.
די זון — פון גאָלד פון לויטערן א שיף.
מיט שיף פון זון פון ווייטן לאַנד פון היגן
איך שיק דיר היינט א ברודערישן בריוו.

איך בין אצינד אין וואלד. ס׳איז אָנהייב תמוז.
פון ביימער ווייט א דופטיקייט אַראָפּ.
אויף מאָך אויף פּליושענעם, אויף גראָזן־סאַמעט
איז גוט אוועקלייגן דעם מידן קאָפּ

(און אויסגלייכן די אָנגעיאָכטע פּלייצעס,
און אויסרוען די אָנגעבלייטע פיס,
און אויסגלעטן פון פּנים יעדן קנייטשל,
און גאַנץ מאַכן פון הארצן יעדן ריס).

ווי מיד איך בין פון האוועניש, פון יאָגן,
פון שטאָטישן, פון שטייניקן געברום.
נאָר ס׳נעמט שוין וואלד — א חיות־פּולער לאָגל —
באַטרינקען מיך מיט פרידן און מיט רו.

און ס׳ווערט מיר גרינג און גרינגער, העל און העלער,
און ס׳וויגט מיך איין א וונדערלאַכע פרייד,
און ס׳נעמען פרישע כוחות אין מיר קוועלן,
און כ׳ווער מיט הויט מיט נייער אָנגעקליידט.

עס רייסט זיך אויף מיין בליק, ווערט אויפגעפראַלטער,
און ריינער ווערט, און שאַרפער מיין געהער,
און שמעקן כ'נעם מיט ריחות בלומיק־צאַרטע
פון וואַרעמער, פון זומערדיקער ערד.

עס קלאַמערט, ווי א פּאַטער, מיך דער וואַלד איין
אין צווייגיקע, אין בלעטערדיקע הענט,
און אין זיין יעדן האָריק־גרינעם פאַלדל
מיין גורל מיין צעגרינטן איך דערקען.

מיין גורל פון א מענטש און פון א דיכטער
אין איצטערדיקער אויפגעברויזטער צייט,
ווען נאַכט אַליץ מער פאַרגייט און טאָגיק־ליכטיק
צעוויקלט זיך די מיזרחדיקע ווייט.

ניט רעטן זיך איך בין אהער געקומען
פון ענגער שטאָט, פון מענטשנס נויט און פּיין,
נאָר אָנשעפּן פון וואַלד'ס צעקלאָרטן ברונעם
די קראַפט די נויטיקע פאַר נייעם זיין.

ניט רעזיגנירטערהייט אנטלאָפן בין איך
אהער, צו ווילדערניש, צו גראָז און מאָך,
נאָר אָנגיסן מיין גוף מיט זאַפטן גרינע
פאַר נייעם, העלן, פריידיק־ליבן יאָך.

איך האָב געגנוג געזינדיקט מיטן טרויער,
און זינדיקן איך וויל מיט אים ניט מער.
עס ווערט פאַרפולט מיט ליכטיקייט מיין מוח,
עס ווערט מיין האַרץ מיט לייטערניש באַשווערט.

א נייע וועלט זיך טוט פאר מיר אנטהילן,
א וועלט פון טאט, א וועלט, וואס וועקט און מאנט;
מיט לייב און זעל איך גיב זיך אפ איר ווילן
און כ'הענג מיין ליד אויף איר שטאלצער פאן.

מיין ליד, וואס האט געוואגלט איבער שליאכן
מיט עלנטע, מיט וואקלדיקע טריט, —
ווי שלאנקע סאסנע זאל זי זיך צע'סכך'ן
אין וועלט אין נייער, אין איר סאמע מיט.

אט בין איך איצט אין וואלד, אין חיה־וווינונג,
אין היים פון אונזער מענטשישן אמאל;
איך — מענטש, וואס וואלד אין מיר נאך קלאגט און וואיעט.
נאר גאט אין מיר שוין רעדט מיט שטילן קול.

ניט גאט פון הימלען „הייליקע" און — לערע,
ניט גאט פון בלינדער, פרימיטיווער מאכט,
נאר גאט, וואס רייסט זיך, ווי פון ערד א קערן,
פון אונזער מענטשיש שעפערישער טראכט.

נאר גאט, וואס שפראצט פון אונז, ווי בוים פון באדן,
און שלעפט אונז צו די הייכן פאר די האר,
און הייסט אונז און באפעלט אונז זיך באלאדן
מיט צוויט און פרוכט פון בויערישער וואר.

איך שפיר אים איצט אין זיך מיט גאר זיין העלקייט
ווי כ'שפיר אים איצט אין וואלד'ס צעצווייגטן רוים,
אין קלענסטן בלימל, ווי אין שטאם אין העכסטן,
אין דינסטן גרעזל, ווי אין גרעבסטן בוים.

עס קלינגט א ווינט און שפּילט זיך מיט די צווייגן,
און קושט איעדן בלעטל אויס פאַרשייט;
און אינעם קלאַנג פון ווינט און אין זיין שטייגן
פאַרנעם איך דיינע „קולות פון דער ווייט".(1

זיי טראָגן זיך צו מיר דורך שטעט און לענדער,
דורך וועלן־רויש פון ברייטן אָקעאַן,
און קומען אָן צעשטראַליקט און צעבלענדיקט,
און לייגן זיך אויף דלאָניע פון מיין האנט.

איך קוק זיך אין זיי איין מיט בליקן נאָנטע,
איך הער זיך נאָענט צו צו זייער טאָן,
און זוניקן און לויכטנדיקן יום־טוב
זיי ווייען אין מיין הארץ און זינגען אָן.

כ'דערפיל דיך, ברודער מיינער, לעבן זיך דאָ,
מיט יונגן אומעט דיינעם, מיט דיין וויי,
מיט שארפן דראַנג נאָך אייגנס און נאָך זיכערס,
מיט טיפער בענקשאפט נאָך א פעסטער היים.

כ'דערזע דיך, ברודער מיינער, ביי מיין זייט דאָ
און לייען אין דיין בליק דאָס ליד פון וואלד,
דאָס הייסע ליד פון וואָרצלען און פון צווייגן,
וואָס האָט אין הארצן דיינעם זיך צעשאלט.

דאָס ליד, וואָס בליט און וואקסט, וואָס שטייגט און הויבט זיך
אויף היגער פרעמדער ערד אויך אין מיין זעל,
און שענקט מיר מוט און האָפענונג און גלויבן
אין קינפטיקער, אין גליקלאכערער וועלט.

---

1) „קולות פון דער ווייט" — לירישע פּאָעמע פון יעקב גאָטליב

אָ, גלויבן, גלויבן, ברודער מיינער ווייטער,
מיט מערער פייער נאָך, מיט מערער פרייד;
און אויב אפילו אונז צעשיידן ווייטן —
מיר זענען מער ניט, זענען ניט צעשיידט.

מיר זענען ביידע קינדער פון איין טאַטן,
וואָס האָט זיין וועלט אין גלויבן דורכגעשפּאַנט.
נאָר אונז איז שוין באַשערט אויף נייע טראַקטן
צו ריכטן אונזער האָפּערדיקן גאַנג.

ס'איז אונז באַשערט צו נייע האָריזאָנטן
צו פירן אונזער גלויבנדיקע ליד,
און זיכער, דרייסט, פון ווייטן און פון נאָנטן
פאַרגלויבטע מחנות גייען מיט אונז מיט.

איך ווייס: דער וועג איז גריבערדיק און קרום נאָך,
און שטיין און דאָרן שטרויכלען אונז די טריט.
פאָרויס אָבער. געוועדנדט איז אונזער אומרו
און צום צוריק פאַרברענט איז יעדע בריק.

איך ווייס: פאַראַן נאָך צווישן אונז אזעלכע,
וואָס זינגען אַלץ פאַר'עקשנ'ט דאָס געזאַנג
פון טריבן הארבסט, פון טרויעריקן וועלקן,
פון טויט, וואָס דראָט מיט ביינערדיקער האַנט.

מיט זיי מיר טיילן מער ניט הייסן פלאַטער
פון אונזער וואָרט, וואָס טראַציק איז און רויט.
ס'איז טויט — די פילאָסאָפיע פון זאַטע,
דער הונגעריקער קלערט ניט וועגן טויט.

דער הונגעריקער שרייט און שטורעמט: לעבן!
דער קעלער־תושב מאָנט און פאָדערט: ליכט!
אַט זיי מיר דאַרפן אונזער דיכטונג געבן,
אַט זיי מיר דאַרפן שענקען אונזער ליד.

מיר זענען, ברודער מיינער, יונג נאָך ביידע
און גאָרע וועלט איז איצטער אונזער היים,
און אויב אפילו וועט מען אונדז צעשיידן —
מיר זענען מער ניט, זענען ניט אליין.

ס׳איז העל אזוי היינט אויף דער בליענדיקער ערד

ס׳איז העל אזוי היינט אויף דער בליענדיקער ערד,
ס׳איז בלוי אזוי היינט אין די פייגל־פרייע רוימען;
באַקרוינט מיט גרין מיט פרישן, הויערן די בערג,
באַצירט מיט צווייט מיט צאַרטן, בלעטערן זיך ביימער.

ס׳איז קלאָר אזוי היינט אונטער הימלשן קופּאָל,
און ברייט די ראָד איז פון צעזונטע האָריזאָנטן,
און גראָזיק־דופטיק יעדער פלייץ איז, יעדער טאָל,
און בלומיק־פאַרביק יעדעס פעלד איז, יעדע לאָנקע.

און איך בין פול מיט פרייד, מיט פרילינג און מיט ליכט.
איך שפּאַן ארום — א פרייער מענטש אויף פרייע וועגן —
און האַמער אוים אין האַרץ א פרילינגדיקע ליד,
א ליד — א לויבגעזאַנג צום אויפגעבליטן לעבן.

און אין דער זעלבער שעה, מינוט און אויגנבליק —
עס זיצן מענטשן ערגעצוו אין בלינדע תפיסות
מיט פּיין אין פּנימער, מיט ווייטאַק אינעם בליק
און גאַרן, שמאַכטנדיקע, נאָך דער פריי דער זיסער.

און אין דער זעלבער שעה פון בלויקייט און פון גרינס —
עס זיצן מענטשן ערגעצוו אין גרויע שעפּער,
געבויגן אונטער יאָך פון רוישנדער מאשין,
אין יאָגיקן געניי, אין פיבערדיקן שטעפּן.

און אין דער זעלבער שעה פון יום־טוב און פון פרייד —
עס טרייבן זיך ארום אַדאָ, אַדאָרט אויף וועגן
המונים פּליטים־וואָגלער, הונגעריקערהייט,
אָן דאך איבערן קאָפּ, אָן בעט און אָן געלעגער.

און ערגעצוו געטראָטן ווערט א גוף אָט איצט,
א מענטשיש הייליק גוף, — פון מערדערישע שטיוול;
און ערגעצוו א שווערד א שארפע זיך צעבליצט
און שניידט זיך אין א לייב אריין מיט שניט מיט טיפן.

און ערגעץ דונערן קאנאָנען גרויזאם־שווער,
גראנאטן פלאצן, באָמבעס פאלן פון די הייכן,
און גרינע ערד מיט רויט־קאָליר באפאָרבן ווערט,
און אלע ווײלע עמעצער זיין לעבן הויכט אויס.

און ערגעץ אין שפיטעלער, אָסיענדיק־פארבליט,
מע ליגט אויף ווייסע בעטן, ווי אויף עשאפאָטן,
און לעבן יעדער בעט דער טויט, ער שטייט, ער היט
און וואַרט א לעצטן כאָרכל אָפּ, א לעצטן אָטעם.

און נאָך, און נאָך — — — אָ, וויפל זענט איר איצט פאראַן,
אין שעה אין איצטיקער פון הימלבלוי און זונגאָלד,
וואָס טרינקט זיך אין א וויסטן, הושכדיקן ים
פון הארבע ווייטאָקן, פון גרוילנדיקע וונדן.

צו אייך צו אלעמען איז איצט געווענדט מיין וואָרט,
צו אייך, פאר׳משפט׳ע אויף טויזנטפאכע פיינען, —
פארגיט מיר פאר מיין היינטיקער צעהעלטער וואָר,
פארגיט מיר פאר מיין היינטיקן צעגרינטן תענוג.

און זאָל אין בעבער זוניקן פון מיין געמיט
דער שווארצער סם פון ליידן אייערע זיך גיסן;
און זאָלן ווערן פול די שורות פון מיין ליד
מיט שווערן בליי פון טרערן אייערע וואָס פליסן.

די באַלאַדע פון די צען מיליאָן

איציק מאַנגערן

געווען איז דאָן אַ טאָג מיט הימלבלוי באהאנגען,
געלעגן איז די ערד אין זומערדיקן שוואנגער,
געקרייזלט האָט א ווינט די לאָקענעס פון זאנגען, —
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

האָט פלוצים זיך א נײַם צעטראָגן, ווי א וויכער;
ארויס איז א באפעל א פלינקער און א גיכער
צו דערפער און צו שטעט, אז איילן זאָל מען גיכער,
אז איילן זאָל מען שנעלער אויפן מערב־פראָנט.

— פאר וועמען און פאַר וואָס? — פאַר פאָטערלאנד און קיסר,
פאר גראָבן באלעבאָס, פאר פריץ פארן גרויסן,
פאר פעטן פאבריקאַנט, — דער הערשער האָט געהייסן
דאָס פאָלק דאָס פראָסטע טרייבן אויפן מערב־פראָנט.

און איינס און צוויי און — מארש צו פעלדער און צו ווייטן.
באגלייט האָט זיי געוויין פון קינדער און פון ווייבער.
געריטן האָט פאָרויס דער טויט, דער שווארצער רייטער, —
געפירט זײַנע ארמייען אויפן מערב־פראָנט.

ניט שניטערקעס פון דאָרף, ניט פויערים מיט סערפּן —
סאָלדאטן אויף די פערד מיט בלאנקע באיאָנעטן,
פארוווּנדערט קוקט די ערד, ווי שטיוול שווערע טרעטן, —
און ס׳פלאקערט שוין דער הימל אויפן מערב־פראָנט.

א שטורעם, א געברום, עס דונערן הארמאטן,
אין פײַערדיקער שלאכט עס ווארפן זיך סאָלדאטן,
געשרייען און געלאָך און פאָנעדיקער פלאטער, —
די גאָרע ערד, זי פיבערט אויפן מערב־פראָנט.

ניט אויסגערייפטן ווייץ, ניט קאָרן גאָלדיק־העלן —
געקאָסעט האָט דער טויט סאָלדאטן אין שינעלן,
געשנירלט זיך האָט בלוט פון לייבער און שינעלן,
געשלענגלט זיך אין טייכן אויפן מערב־פראָנט.

א יאָר און צוויי און דריי, דער פערטער שוין אריבער,
די ערד, א זשעדנע, פרעסט די זעלנער אין די גריבער,
די ערד, א זשעדנע, שלינגט און — גיב איר נייע, גיב איר,—
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

א ברויזיקן מיליאָן, א צווייטן, דריטן, פערטן,
אין בלאָטע און אין לייז, פון הונגער א פארצערטן,
די ערד, א זשעדנע, שלינגט און — גאָרניט איז צו מערקן, —
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

און גאנצע צען מיליאָן, מיט הויט און פלייש און ביינער,
מיט גליווערדיקן בליק, מיט שטשירעדיקע ציינער,
פארשלונגען האָט די ערד, ווי איינעם, פונקט ווי איינעם, —
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

...געוועזן איז דאָן א טאָג מיט הימלבלוי באהאנגען,
געלעגן איז די ערד אין זומערדיקן שוואנגער,
געקרייזלט האָט א ווינט די לאָקענעס פון זאנגען, —
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

איצט פלאטערן אויפסניי די קריגערישע פאָנען,
איצט שארפן זיך אויפסניי די פיסקעס פון קאנאָנען,
איצט גרייט זיך ערד אויפסניי—אויף צ ע נ ד ל י ק ע ר מיליאָנען,—
און רויק איז און שטיל איז אויפן מערב־פראָנט.

אויך שטעט זענען וועלדער

אויך שטעט זענען וועלדער און חיות — די מענטשן,
א הייל יעדער הויף איז, א נאָרע — א הויז;
עס רייסט זיך דער הונגער דורך טיר און דורך פענצטער
און טרייבט מיטן מאָרגן אינדרויסן ארויס.

נאָך ברויט און נאָך קערפּער, נאָך גאָלד און נאָך שליטה,
אין אויטאָס, אין טראַמען, אויף וואָגנס, צופוס;
עס הילכן די גאסן מיט רעוו און קאַפּיטע
פון לייב און פון טיגער, פון בער און פון פוקס.

אין שיך אין געפּוצטע, אין בלאַנקע מאַנקעטן,
אין הויזן געפּרעסטע, אין שניי־ווייסער העמד;
עס צינגלען די מיילער פון גאָט און פון עטיק
און — ס'לויערן מעסערס אין האַריקע הענט.

מיט צורות געגאָלטע, באַשמעקט און באַפּודערט,
אין שפּיגל־צילינדער, אין שניפּס און אין פראַק;
עס פּלאַפּלען די ליפּן פון ליבע און ברודער
און — ס'פינצטערן הערצער מיט שווארצן פאראַט.

פון מאָרגן פון פריען ביז נאַכט־שעה ביז שפּעטער —
עס גייט אַן געראַנגל פאר זעט און פאר לייב,
און ס'פליקן חלקים — וואָס גרעסער, וואָס פעטער —
אי יונגלינג, אי זקן, אי מאַנצבל, אי ווייב.

אויך שטעט זענען וועלדער, די הייזער — ווי נאָרעס,
די מענטשן אויף גאסן — צווייפיסיקע וועלף — —
און הבל, ער ווערט אַלץ צעטראָטן — א וואָרעם —
פון קין זיין ברודער — דעם האַר פון דער וועלט.

ווער דאַרף

ווער דאַרף אצינד א ליד — א לחש'דיקע תפילה?
ווער דאַרף אצינד אַ וואָרט א ציטעריקס, א שטילס?
אז טרערן שטראָמען איצט, ווי וואַסערן אין פרילינג,
אז יעדער טאָג איז איצט אין פינצטערניש געהילט.

א זינד צו שרייבן היינט לבנה'דיקע שורות,
א זינד צו דיכטן היינט פון הימלדיקן בלוי,
אז הבל טרינקט זיך אַלץ אין בלוטיקע יסורים,
אז קין מאָרדעט אַלץ אין חיה'שן געוואַי.

אין צייט אין איצטיקער מע דאַרף א ליד א נייע,
אין טעג אין היינטיקע א נייעם וואָרט מע דאַרף,
א ליד א דונערדיקס פון מעכטיקן ישעיה,
א וואָרט פון עמוסן א בליצנדיקס, א שאַרפס.

אז צינדן זאָל דאָס ליד אין הערצער פון המונים
דעם פייערדיקן דראַנג נאָך פרייהייט און נאָך רעכט,
און פירן זאָל דאָס וואָרט אקעגן בייזן שונא
אין לעצטן, מוטיקן, אנטשיידענעם געפעכט.

שפוך חמתך

שאַרף אָן, מיין וואָרט, דעם מעסער פון דיין צאָרן
און — זאָל ער בריַענגען קבר׳דיקע קעלט
צו אַלע די, וואָס שטעקן, ווי א דאָרן,
אין אויג פון דער דערוואַכנדיקער וועלט.

צום באַלעגוף, צום גייציקן, געמיינעם,
צום גיריקן, צום גראָבן פאַבריקאַנט,
וואָס גריזשען אויף פון אַרבעטער די ביינער,
וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון אָרעמאַן.

צום פאַלשן, צום פרומאַקישן פאַרבלענדער,
צום „הייליקן" מיט הימלדיקן בליק,
וואָס האַלטן גאָט אין אייביקער אַרענדע,
וואָס ציען אַלץ צום פינצטערן צוריק.

צום כיטרען, צום פאַרעטערישן פירער,
צום דעמאַגאָג מיט שווינדלערישע רייד,
וואָס זיצן אויפן קאַרק פון פאָלק — געשווירן,
וואָס האַלטן, ווי א הונט, אים אויף דער קייט.

צו אַלע העלזער אָנגעלייגטע, פולע,
צו אַלע זאַטע, שפּאָטנדיקע ציין,
וואָס ליגן אויפן וועג צו דער גאולה,
ווי קראָפּעווע, ווי שטעכלדראָט, ווי שטיין.

אָ, זאָל דער מעסער פון דיין צאָרן גרייכן
אין זייער האַרץ דעם טויטנדיקסטן אָרט
און אויסגעמעקט זאָל ווערן זייער זכר
פון מענטשן־מין — ביז סוף פון לעצטן דור!

כ׳וואָלט וועלן, ווי חוני המעגל

ה. לייוויק׳ן

כ׳וואָלט וועלן, ווי חוני המעגל,
אַ שלאָף־טאָג אַ זיבעציק יאָר
און אויפשטיין (אַ קינד נאָך, אין ווינגל)
באַגינען אין אַנדערן דור.

אַ זון אַ צעשטראַלטע, אַ גרויסע,
שפּראָצט נאָרוואָס פון מזרח אַרויס,
און ס׳נעמען אין שיין אירן רוישן
אי נעסט, אי בערלאָגע, אי הויז

מיט פייגל, מיט חיות, מיט מענטשן,
פאַרברידערט אין אייביקן גליק.
עס קומט אין דער מאָרגן זיי בענטשן
מיט גרינגער, מיט ליכטיקער מי.

עס קומט אין דער אָוונט זיי קרוינען
מיט זאַטער, מיט פריידיקער רו.
עס טוט שוין דער שוואַכער ניט וויינען,
עס רוט שוין פון שטאַרקן די רוט.

ניטאָ מער קיין אונטן, קיין אויבן,
קיין שקלאַפן, קיין שינדער פון פעל.
עס פאַשען זיך ציגן און לייבן
צוזאַמען אין פרידלאַכן פעלד.

ניטאָ מער קיין הבֿל, קיין קין,
קיין שררה, קיין ניכנע, וואָס קניט.
עס טרינקען געמיינזאם „לחיים"
אי נעגער, אי אריער, אי ייד.

כ'וואָלט וועלן, ווי חוני המעגל,
אַ שלאָף־טאָן אַ זיבעציק יאָר
און אויפשטיין (אַ קינד נאָך, אין וויגל)
באַגינען אין אַנדערן דור.

משא איראָפּע

אַ שרעקבילד גייט אום איבער
איראָפּע—דאָס שרעקבילד פון
קאָמוניזם.
קאָמוניסטישער מאַניפעסט,
קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

מצפון תפתח הרעה,
ירמיה א׳ יד׳.

הוי, פינצטערע, פאשיסטישע איראָפּע,
מיט אויגן פון אַ הונגעריקן וואָלף!
זאָל שלאָגן, ווי אַ דונער, אויפן קאָפּ דיר
דער צאָרן דער צעברענטער פון מיין וואָרט.

זאָל, ווי אַ בליץ, אין הארצן דיר אַ שניט־טאָן
די שנאה די צעפלאַמטע פון מיין ליד.
צום שקיעה־שלייף צום פּורפּורנעם, צעגליטן
דיין לעצטער טאָג דער בלוטיקער עס קניט.

אין דיינע שטאָבן העמדלדיקע, ברוינע
דו פירסט אצינד די לעצטע בייזע שלאַכט
פאר רוצחישע, פאר רויבערישע קרוינען,
פאר מעסערדיקער, מערדערישער מאַכט.

— אַ ציינערדיקע, נעגלדיקע חיה
געגעבן האָסט אַ גרייפנדיקן שפּרונג,
און גאָרע ערד איר אָטעם האָט פארטייעט
אין אָנבליק פון דיין אויפגעפראַלטן שלונג.

עס בליקן לענדער גרוילנדיק פארוואונדערט
אויף ריינעם בלוט, אויף זויבערן, וואָס רינט
פון דיינע בעסטע, אויסדערוויילטסטע קינדער,
צעשטערעקטע אונטער שאַרף פון גילאָטין.

עס בליקן לענדער גרווילנדיק פארשווידערט
אויף דיינע פלעצער, דראָענדיק באַשטעלט
מיט תליות מיט צעטורעמטע, וואָס הוידען
דעם פרידן און די פרייהייט פון דער וועלט.

אָ, איידעלע, מאַנירלאַכע איירָאָפּע,
אין לאַק־שיך, אין צילינדער און אין פראַק,
אויף הענקער־קלאָץ אָראָפּגעהאַקט דיין קאָפּ ליגט
פון הונישער, פון היטלערישער האַק.

דאָס ווילדע בלוט פון אורזיידעס פון דיינע
האָט זיך אצינד אויפסניי אין דיר צעברענט, —
און לאנד נאָך לאנד עס ווערט פון דיר געפּייניקט,
און לאנד נאָך לאנד — אין קלעם פון דיינע הענט.

עס וויִען דיינע קריגערישע פאָנען
מיט לאָזונגען פון ראסנהאָס באַמאָלט,
און אונטער שווערע שטיוול פון טעווטאָנען
עס יאָמערט, א צעטראמפּלטער, מיין פאָלק.

פון קאנצלאגערס עס גייען אויף געקלאָגן
צום הימלשן, צום אויסגעבלויטן ים
און הויבן דיך, איירָאָפּע, און צעטראָגן
אויף גאָרער וועלט דיין חרפּה און דיין שאַנד.

נאָר נאָנט איז שוין דער טאָג פון רויטן משפט,
נאָר נאָנט איז שוין פון דין די רויטע שעה.
ער שוועבט שוין — דיין געשפּענסטישער פּארוויסטער,
ער קומט שוין אָן — דער מעלדער פון דיין סוף.

ער קומט אויף דיר פון צפון שנייק־קאַלטן,
די בליקן זיינע — שטערנדיק צעשטראַלט;
אין רעכטער האַנט א שווערן האַמער האַלט ער,
אין לינקער האַנט א שאַרפן סערפּ ער האַלט.

זיין אָטעם — א צעשוימטע זאַווערוכע,
מיט יעדן שוועב ער שלינגט די ווייטסטע ווייט;
אויף האַרצן זיינעם ליכטיקן די לוחות
פון קינפטיקער, פון יום־טוב׳דיקער צייט.

זיין קול — דער ברום פון טויזנט ריזן־גלעקער,
זיין רוף — א פלינקער, יאָגנדיקער ווינט.
ער טוט דאָס בלוט פון רוימער שקלאַפן וועקן,
ער וועקט דאָס בלוט פון קנעכטישן בערלין.

און בלוט דערהערט דעם וועקנדיקן אויפרוף,
און ברויזן נעמט אין יעדן דאָרף און שטאָט,
און ס׳טועו זיך פון גאַסן און פון הויפן
א מחנה נאָך א מחנה א צעשאָט.

אָ, ציטער, פּראַטער רייצנדיקער ווינער,
אָ, שרעק זיך, פּאָרום זוניקער פון רוים,
ניט העלפן וועט דער שווארצער מוסאָליני,
ניט רעטן וועט פון קוויזלינגען די קרוין.

אָ, שלייער זיך, קורפירסטנדאַם, אין טרויער,
אָ, וויקל זיך, שאַן־ז׳עליזיי, איז קרעפּ, —
פון שטאָלצע שלעסער, מירמלדיק געמויערט,
זיך קייקלען וועלן הענקערישע קעפּ.

פאר אָרעמקייט, פאר הונגער און פאר ליידן
פון פּשוטן, פון ערלאכן המון
זיך קאָרטשען וועלן הערשערישע לייבער,
מיט אָנגעזייפטע תליה־שטריק באַלוינט.

אין שטרענגע, אין גערעכטע טריבונאַלן
דיין גדולה די געמיינע וועט פאַרגיין
און גלידווייז וועסט, אייראָפּע, זיך צעפאַלן
ביים טיבער, ביי דער סענע און ביים ריין.

און זוניקער, אין שטראַלנדיקע רוימען,
אין בליציקן, אין בלענדנדיקן בראַנד,
וועט רויטער זיך די פרייהייט־פאָן צעשוימען
אויף שפּיץ פון העכסטן בארג דיינעם — מאָנבלאַן!

אין לעצטן טאָג

אין לעצטן טאָג
פון גרויסן אויפשטאַנד
די זון — א גלאָק —
אויף וועלט וועט אויפגיין

און מיט איר קלאַנג
אויף ערדן־שטרעקעס
צום לעצטן קאמף
זי וועט צעוועקן.

אין אלע שטעט
פון אלע גאסן
זיך לאָזן וועט
א לאַווע מאסן,

א פייער־שטראָם
פון קעפ מיליאָנען
מיט האַק, מיט לאָם,
מיט ביקס, קאנאָנע.

פון יעדן הויז,
פון יעדן הויפל
וועט, ווי א מויז,
זיך לאָזן לויפן

דער שווארץ־פאשיסט,
דער ברוינער נאַצי,
מיט שרעק אין פיס,
מיט הארץ — אין פלאַצן.

און אין געיעג
פון אלע שוועלן
דורך פעלד און וועג,
דורך בערג און טאָלן, —

מיליאָנען טריט
פון בראַווע יונגען
מיט האַס — צעבליט,
מיט שווערד — צעקלונגען.

אויף יעדן שליאַך,
אין יעדן וועלדל
אין הייסער שלאַכט
זיך וואַרפן העלדן.

אויף יעדער שוועל,
אין יעדן שטיבל
די אַלטע וועלט —
זי ווערט צעריבן.

אויף יעדן סלופּ
א גוף וועט הענגען
פאַר שטריק און קנופּ
אויף האַלז פון מענגעס,

פאַר תּפיסה־ווייִ,
פאַר קויל אין נאַקן,
פאַר נעמען צווייִ:
וואַנזעטי, סאַקאָ.

פאַר וויסטן טויט
פון עריך מיזאַם,
פאַר שפּיז און שרויט
אין קעמפער — ריזן.

פאַר פּיין און פּלאָג
פון אַלע יאָרן —
פון לוין אַ טאָג,
אַ טאָג פון צאָרן.

אין מיט פון טאָג,
אין העכסטער רגע,
אויף גאַס און ראָג,
אויף פעלד און וועגן,

פון צפון־פּאָל
ביז דרום־שנייען,—
די רויטע פאָן
וועט זיך צעווייען.

אַ ראַדיאָ־נייעס
וועט נעמען שאַלן:
די וועלט איז פריי
פאַר אַלע, אַלע.

פאַר מי און פריד,
און זעט, און בענטשונג;
פאַר העלער ליד
פון ארבעט־מענטשן.

פאר בעסטער הייב
אין אַלע ווייטן —
אויף בלייבן שטיין
אין אַלע צייטן.

ס׳וועט האַרבסט דאַן זיין,
אָקטאָבער שפּעטער,
אין פּורפּור־שיין —
די ביימער־בלעטער.

אין שטרענגן רויט —
די ערד די גאָרע,
און טיף־צעבלויט —
די רוימען קלאָרע.

און אין זעניט
די זון, א גרויסע, —
צעפלאַמט, צעגליט,
ווי אין בראשית.

און טאָג מיט בלענד
פון זון — באַבלענדיקט,
אַ טאָג אָן ענד,
א טאָג פון שטענדיק.

עס וועט די זון
שוין בלייבן הענגען
אין הימל־רונד
און — ניט פאַרגיין מער!

א י נ ה א ל ט :

(א)

זייט

שוין לאנג — 7
פארהויבן — 9
סע שטייען — 11
אין פיין — 13
צי האָט זיך ווער — 14
און דאָ איז אַזוי שטיל — 16

(ב)

ווען יידן־בלוט — 19
העמדלאך — 21
די תפילה — 23
די וואנד — 25
ס'איז אווגוסט — 27
„געטאָ” — 29
זיי רופן — 30
א ניט־געשיקטעד בריוו — 31
צו איינעם אן אריער — 35

(ג)

מיט ביימער ווו — 41
אין וואלד — 43
ווי פּאַס איך זיך — 44
איך וועל מיין לעבן — 45
איינער אין קאַרטן — 46
מיין לאנד מיין דיכטערשע — 48
מיך לאָקט נאָך אליץ — 49
פאראן נאָך פרייד — 50
פארנאַכטן יולישע — 51
נאכט אויף שליאך — 52
ס'איז היינט א טאָג — 53
זאָג ניט, מענטש, דו — 54
מיין בליק — 55
אַפּטמאַל — 56
צו — 57
אָט איז ער — 58
ווי א רעגנבויגן — 59
הימלען — 60

זייט

איך בין ווידער — 61
די לעצטע טעג פון הארבסט — 62
ס'נאָגט מיך היינט — 63
אָט דער פרימאָרגן — 64
עס רעדט צו מיר — 65
אין שפּיטאָל — 66
אין די בערג — 68
ווי מילד איז דאָ צעבלויט — 69
זיי זעען ניט — 70
א שטיל־פארחלומטער — 71
אָ, פרילינגדיקע, אויפגעגרינטע ערד — 72
דיין היים — 73
סוף סעפּטעמבער — 74
ווי די שיינקייט — 75
שטייניק און דאָרניק — 76
פון קליינווייז אָן — 77

(ד)

געדענקסט — 81
אן אלטע ווערבע — 84
געווען איז עס — 87
אין זעלבן יאָר — 89
קאָוונע, קוידענאָוו, ליבאַוויטש — 91
רביים — 94
ניגונים — 96
ביי דער מצולה — 99
דער מויער — 102

(ה)

ירושה — 109
אין טיפער, שטילער נאַכט — 112
פארגיב מיר — 114
כ'געדענק דיך — 116
איך לייען דיינע לאַגער־בריוו — 118
ווי אין דיין ליטע־היים — 120
א בריוו צו מיין ברודער יעקב — 122

זייט

ס'איז העל אזוי היינט	128
די באלאדע פון די צען מיליאָן	130
אויך שטעט זענען וועלדער	132
ווער דארף	133
שפוך חמתך	134
כ'וואָלט וועלן, ווי חוני המעגל	135
משא אייראָפּע	137
אין לעצטן טאָג	141

ווערק פון נ. י. גאָטליב :

בלויע גנאָד (לידער)

גאַנג (לידער)

זעגלען אין זון (לידער)

איבערבוי (נאָוועלע)